STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03147

IN LAND FUN ELIYAHU HA-NOVI

M. Yungman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה יונגמאַן

אין לאַנד
פון
אליהו הנביא

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ז — 1977

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
אליעזר פּינעס-פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור

MOSHE YUNGMAN / IN LAND FUN ELIJAHU HANOVI
Poems
Publishing-House „Israel-Book" Tel Aviv, P.O.B. 1777

משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא
לידער און פּאָעמעס
פאַרלאַג „ישראל-בוך", תּל-אביב, רח' איתמר בן-אבי 4

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1977 נדפס בישראל

דפוס „להב" בע"מ, תל-אביב, טל. 36564

אין קרײַז

דער ליפּעבוים

איך האָב אַזוי פיל בינען אויפגעקליבן פונעם ליפּעבוים,
אַז אַפילו איצט, שטייענדיק פאַרן בלויזן פּאַפּיר,
דערמאָנט מיך יעדער וואָרט וואָס איך צינד אָן,
אָן די טראָפּנס זון צו וועלכע כ׳האָב אַ מאָל פאַרגליכן די בינען;

און די אַלע סטעזשקעס וואָס פלעגן פירן צום ליפּעבוים
(וועסנעדיקע סטעזשקעס, אין מיטן הויכן גראָז.
גראָז וואָס פאַרדעקט אַלץ)
אָן די וואַרעמע שורות מיט לידער, קורצע, צי לאַנגע,
וואָס גייען אין מיר נאָך אַלץ אַרום, באָרוועסע,
פירן מיך נאָך אַלץ אַהיים.

מ׳דאַרף ניט מער האָבן קיין פּיִפּל. מ׳איז שוין אין די יאָרן
ווען מ׳קאָן אויפהייבן דעם הימל ניט נאָר מיט דער שפּיץ פון אַ טרעל.
דאָך ווילט זיך אַרויפקלעטערן הויך, דאָרט ווו אַ כמאַרע וויגט זיך,
צו זען — נאָך אַ מאָל — ווי די צווײַגן פון ליפּעבוים
האַלטן אונטער די גאַנצע וועלט.

איילבערטביימער

איילבערטביימער — אויסגעצאַנקטע פאַר דער ציַיט, כ׳קום
קניִען צו וואָרצלען איַיערע. אַ זון
פון ערד — דריק איך מיַין פּנים צו צו איַיער קאָרע; נעם אַרום
די בלעטער איַיערע וואָס האָבן העל געמאַכט מיַין הימל. שטום

בין איך ווי איר. וווּ וועל איך וויַיטער וווינען? ווי
אויפהייבן מיַין פּנים צו די שטערן? ווענענס בלי
איַינוויגן איצטער אין מיַין אָטעם? צי
דען בכלל נאָך דאָ אַ בלִיונג? קני

איך צום ניט דערזאָגטן, ניט דערגרייכטן, וואָס
אין איַיערע פאַרשטאַרטע פינגער. לאָז
אַראָפּ זיך צום זכּרון וואָס פון איַיך געבליבן. דאָס
דער נדר. עדות איז דאָס גראָע גראָז.

דער עפּלבוים

א

עפּלבוים — ווען דו וואָלסט כאָטש איין לבנה
פון די הונדערטער וואָס שלאָפן אין דײַנע בלעטער
אַראָפּוואַרפן, באַלויכטן מײַן איינזאַמקייט.

פאַרלאָשן ליג איך צו דײַנע פיס,
טונקל פון נאַכט און פון טראַכטעניש,
און זשאַווער צעגריזשעט מײַן האַרץ.

צוגעשמידטע צו דיר
זענען מײַנע אויגן געוואָרן גרויסע,
אויסגעבעטע מיט אַ בלאָען גלאַנץ.

כאָטש איין לבנה וואָלסטו אַראָפּוואַרפן צו מיר,
באַגרינען די פינגער פון מײַנע הענט,
אָפּמעקן די שאָטנס פון מײַן פּנים.

ב

כ׳וויקל דיך צוריק אין מײַן שוואַרצאַפּל:
ביסט ווידער גרין, יונג
און ווינט שפּילט זיך מיט דײַן קליינער קרוין.

ערשט ניט לאַנג האָסטו אויפגעמאַכט דעם בוזעם פון דער ערד —
און איצט האָסטו זי פּאַר זיך
יעדן טאָג.

די במאַרעס אויפן הימל
זענען קיין מאָל ניט צו ווײַס
אויף צו פאַרשטעלן דײַן בלאָקייט.

דאָס העכסטע, דינסטע בלעטל
וואָס דו שטרעקסט אויס צו דער זון —
איז דער ווען־גוויזער
פאַר דײַן גאַנצן שטאַם.

קינדהייט

פון זינט כ׳בין געקומען צום שׂכל האָט מיך פאַרכּישופט
דער בליאַסק פון לבנה. אַ זעלטענער גילגול
פון קנעפּל און שערבל און שטיין. מיט פאַרחלשטע אויגן
כ׳פלעג קוקן אַרויס דורך דער קעלער־טיר. זען ווי זי גליטשט זיך
פּאַמעלעך און זיכער און פעט. פלעג איך וויינען פּאַר בענקשאַפט:
אָט אַזאַ איך זאָל האָבן בײַ מיר. אָט אַזאַ אין מײַן אוצר.

גליק פון דאַך און פון בוים. צער פון דאַך און פון בוים.
מײַן קאַץ האָט צוויי ליכטיקע אויגן, קליינע לבנהס.
שפּיל איך מיט איר זיך אַרום. הוי! פון מיר זי פיל פלינקער!
נאָר בײַ נאַכט, ווען לבנה הענגט גרויס, זיצט מײַן קאַץ אויף דער פּריזבע —
שטראַל צו שטראַלן געווענדט און איך זע ווי צוויי סטעזשקעס
פירן אַרויף די קאַץ צו איר היים — דער לבנה.

גליטש איך אַראָפּ זיך די טרעפּ פונעם קעלער, ס׳איז שבת.
אין מײַן בלוט זינגט נאָך טעם פון שול און פרישקייט פון סידור.
בין איך אויך אַ פאַרבלאָנדזשעטער אות הײַנט אַזאַ, אַ ציטער פון ניגון.
טאַנץ איך אַראָפּ די טרעפּ ווי אויף ליכטיקע שורות,
ווייס אַז אונטן אין שטוב איז די אָרעמקייט גרינגער,
איז פרישקייט און ווײַסקייט פון ווענט, איז געוועב פון לבנה.

דראַפּען זיך קאָזעס בײַ נאַכט צו די זילבערנע בלעטער.
איינע פון זיי אויף אַ בוים שטייט — אַ ווײַסער בעל־תּפילה.
דאַוונט מיט אויגן פאַרגלייזטע אין הייליקער דבקות.
רעגנט לבנה אַראָפּ און פילט אָן דעם זשאָלעב.
שלאָפט ווי אין קישנס פון פוך דאָרט אַן איינטאָגיק קעלבל.
די קו שטייט פאַרשלאָפן בײַ אים, מעלה־גירהט איר ליבשאַפט.
גאַנץ נאָענט איבער איר וויגט אַ שפּין זיך — אַ גאָלד־פּימפּערניקל.

און אויבן, העט אויבן, צווישן די באַלקנס,
איז שמעקעוודיק־קיל, איז בלאָ־אויגיקע טוי־קאָנעשינע,
זענען צעציטערטע טטרוזשקעס פון ליכט; איז בענקשאַפט פון שכינה.
קוק איך אַרויס דורך אַ שפּעלטעלע. זע ווי עס גלימצערט
אין בלאָלעכן מירמל־שטיין־ליכט דער הויף און זײַן שטילקייט.
מיר איז שטיינער־מאָזאַיִק הײַנט נאָענט ווי דער חושן־המשפּט
און דאָס פּלומפּל וואָס שטייט אָן אַ זײַט מיט דערהויבענע אַקסל —
איז אַ כּוהן גדול אַזאַ — אַ פּאַרטיפּטער אין האָרכן.

אין פראָנט פון דער שטאָט שטייט די צוקער־פאַבריק, דער „מפרנס״.
ווי אַ פינצטערע ריזיקע פויסט אויסגעשטרעקט צו די הײַזקעס.
גאָרנט אין איר זיך די שרעק מיט שויבן און קוימענס,
צאָנקט אין איר ווינקל פון הויף אַ נר־תּמיד־ליכט רויט און פאַרשלאָפן,
און לבנה באַגיסט אַלכסונדיק אַ רינווע־קאָפּ,
גרויס און פאַרזשאַווערט.

גאָט פון אברהם

פאַר אברהם סוצקעווער

גאָט פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב,
פון אַלע מלכים און אַלע נביאים
און פון אַלע וואָס האָבן געטאָן זיך מיִען,
ווערטער געדליבעט ממעמקים,
אויפצושטעלן אַ בלאָען בנין
ווו דו זאָלסט וווינען. גאָט פון אברהם —
און אין די שטילסטע, הייליקסטע שעהען
האָבן זיי ווערטער פאַרביטן אויף הימנען,
זונען און שטערן פאַרפלאָכטן אין דפים —
אַז דער בלאָער בנין זאָל בליִען און בלענדן
ווען צו דיר, כּביכול, וועט מען זיך ווענדן
מיט נשמה צעבראָכענער.

אין זייער שאַפן
האָבן זיי טויבן פאַרבעטן צו וואָרקען,
לייבן צו ברומען, הירשן צו שפּרינגען,
מיט אָדלערשע פליגל וואָרט אײַנגערינגלט,
ער זאָל זיך דערהייבן ביז קרעכץ, ביזקל שאָרכן,
ביז קול־דממה־דקה.

קנעכט דײַנע, בורא,
און שפּלע ווי קנעכט, ווי זיי אומבאַקאַנטע,
און פאַרגעסענע ווי זיי, אײַנגעשפּאַנטע
אין קללה פון פרייד, אין שיכּרות פון מורא,
צו זען ווי עס אָטעמט אונטער די פינגער
דײַן היכל.

און אַזוי זינג איך —
גאָט פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב —
דיַין היכל, דיַין ספר־הספרים:
בלאָער, געירשנטער דימענט פון יאָרן!
דו, באַלויכטער פון דלות, דו זילבערנער עדות
וואָס טריפט חסד אַראָפּ אויף דער באָרד פון די ייִדעס!
דו, לויטערער, זוניקער קוואַל מים־חיים
פאַר פאַרטריקנטע ליפּן...

אין קרײַז

צום אָנדענק פֿון יהושע װענגער ז״ל

א

כ׳טראַכט װעגן קיבוץ,
װעגן שטעטל װאָס איז אין אים געװען,
װעגן ליכט װאָס איז אין אים געװען.

כ׳טראַכט װעגן די קלײנע באַראַקן
אין װעלכע דאָס ליכט איז אױפֿגעגאַנגען;
װוּ אַ מנין ייִנגלעך מיט מײדלעך
— אַרום הילצערנעם טיש —
האָבן געפּרוּװט
איבערניצעװען די װעלט.

...און װעגן דעם מענטש טראַכט איך
װאָס האָט זיי דאָס אַלץ אונטערגעזאָגט,
אַ מענטש פֿון קדמונים
מיטן נאָמען: חוני המעגל
אין לבנהשן קרײַז.

ב

דער קיבוץ צײלט זײַנע יאָרן,
צײלט זײַנע קנײטשן אױפֿן פּנים.
גאװהדיק שטעלט ער אַרױס זײַנע אַלטע װענט
װאָס די יונגע האָבן איבערגעהיפּערט.
פֿון צעפּאַלענע קױשן שלעפּט ער אָפּער קאַרטלעך
פֿאַרגעלטע, געבלימטע שמײכלען,
הײליק געװאָרענעם שטױב.
דער קיבוץ צײלט זײַנע יאָרן
די פֿאַרמאַזאָליעטע,

די באַהאָנגענע מיט מעדאַלן
אויסגעדוכטע... (נאָר זענען דאָ
מוסקלען אָפּגעהאַרטעוועטע;
נאָר קאָן מ'ען אָנכאַפּן
אַ טראַקטאָר פאַר די הערנער
און אויסלאַכן זיך פון די
וואָס מיינען איינעמען אַ וועלט).
ער גלאָנצט זיי אָפּ.
ער וויקלט זיי איין אין לענטעס און פּענער.
ער קוקט אין זיי אַריין,
וויל זיך זען דאָרט
אייביק
שפּאָגל ניי.

ג

זיצן זיי אַלע אין קרייז.
דזשאַמזשען בלאָע זכרונות
פון קרייז,
ווען ער איז נאָך געווען קליין,
מ'האָט אים געקאָנט אַרומנעמען מיטן בלויזן האַרץ.
זיי שמייכלען צו יענעם האַרץ
וואָס האָט געקאָנט אַרויסשלאָגן פון זיך וואָרצלען,
אָנטאָן זיך אין בלעטער און בלומען.
הוי! די הערצער־אין־גרין! ווען אויסגעשטעלט מ'האָט זיי איבער די פעלדער
און מ'האָט געזען ווי זיי גיסן זיך אָן מיט ליכט!
געווען וויין אין דעם ליכט,
געווען שיכּורות,
געווען פליגל וואָס האָבן אונטערגעזאָגט.
...מ'האָט אַלץ געוווסט.

ד

נאַפּטלאַמפּ האָט נאָענט גענאַכט,
איז געווען די בריק.
אַ סך סודות זענען געבליבן אין דרויסן,
אָבער אינעווייניק איז אַלץ געווען קלאָר.
דער עיגול שײַן האָט אַלע פּנימער אָפּגעדעקט
ביז ס׳איז געבליבן די פֿרייד.
מתיקות האָט זיך געגאָסן פֿון הינטער די ווִיעס.
אין עיגול פֿון נאַפּטלאָמפּ
האָט שטוב אָנגעוואָרן די ווענט
און װ ע ל ט איז אַרײַן
אין דער רחבות פֿון האַרצן.
געהאַלדזטע אין דבקות
האָט מען געטראָגן די וועלט אויפֿן קאַרק,
זי אײַנגעצאַמט
אין עיגול פֿון ליכט.

ה

...געווען מאַגנעט די ערד.
געווען ניגון די ערד
פֿון אויפֿשפּראָץ פֿון טראַקטאָר
פּאַר פּרי,
ביזן פֿירן דעם טראַקטאָר אַהיים
אַ באַקרוינטן מיט שקיעה;
געווען תּפֿילה די ערד,
ווען בלאָ פֿלעגט פּאַרצִיען
אַ נעפּל
דאָס אויג און די היים;
געווען ערד אַזוי קליין —
צוצודריקן צום האַרץ,
צוצוטוליען דעם קאָפּ אין איר בויך —

ווען געפֿאַלן אַראָפּ איז די נאַכט,
ווען געפֿאַלן איז מידקייט אין דיר.

...געווען ניגון אין ערד.

ו

לאָז דעם ניגון אָנהאַלטן.
לאָז אים זיך דורכשלאָגן
דורך די קנייטשן פֿון פּנים —
אַרײַנגיסן אין זיי זײַן ליכט.
לאָז דורכן ניגון זען דאָס
וואָס די צײַט האָט צוגעדעקט.
גרין און האָפֿערדיק לאָז זען
ווי עס וואַקסן פֿון הינטער דער קאָרע
טעג.
לאָז הערן די טעג
אין געשטיפֿ פֿון די קינדער.
קליין און פֿאַרשײַט — לאָז זיך דוכטן
ס'איז דו וואָס דו גייסט
מיטן ניגון אויף פּלייצע
פֿאָרויס,
באַרג־אַרויף,
און נאָך דיר — אַ סך.
דורך די קנייטשן פֿון פּנים
לאָז זען אָט די סך
ווי זיי קומען אַרײַן,
זעצן אויס זיך אין קרײַז.

...זענען ממשיך דעם קרײַז.

נגב

א

נגב —
גיב דו מיר דײַן פּנים.
איך גיב דיר מײַנס.
שטעל עס אַוועק צווישן דײַנע שטײנער,
וואָס זענען געווען אַ מאָל מענטשן ווי איך.
לאָז מיך היטן צוזאַמען מיט זײ
איבער די וואַדיס
פֿון וועלכע זון
האָט אַלע וואַסערן אויסגעטרונקען;
לאָז מיך וואַרטן אויף אַ נײַעם מבול
וואָס זאָל קומען אויסלייזן
אַלץ אַרום
און אויך מיך.

ב

פֿיר מיך אַראָפּ צו די אונטערערדישע וואַסערן,
צו די קאַטאַקאָמבעס,
אין מלכות פֿון מענטשן וואָס זענען אַ מאָל געווען;
פֿון גראָזן וואָס דאַרפֿן ערשט אויפֿקומען.
גיב מיר דעם כּוח: צו טראָגן אויף זיך
דעם מאַנטל פֿון ערד וואָס מ׳דאַרף איבערניצעווען
צו אַרומוויקלען זיך מיט וואָרצלען, בלומען;
צו גרײן מאַכן די וועלט.

סאַמום

איבער דעם ברוינעם
באַרג־אַרויפיקן
לייטער פון מידבר;
פון אַלע פלאַכן,
די אויסגעהוילטע,
די אויסגעזויגענע,
מיט קעפּ פאַרחלשטע —
און פּלוצעם גריווערדיק,
מיט טויזנט קאָפּיטעס
אין וועלט צעוואָרפענע;
האַלב זיך נאָך שלײַכנדיק
האַלב אַ פאַרטײַעטער —
נאָר אָט שוין בייגעוודיק
זיך ראַפּטעם דרייענדיק,
אין קאַרוסעלן־טאַנץ
הוי, הוי צעבריקערטן,
שטײַף האַלדז־און־נאַקענעם,
אין זײַלן שווינדלעניש
די הין־און־העריקע;
ווו אַ זעמדל נאָר
אַרײַן אין ראַנגלעניש,
דעם צעכאָכאָטשעטן,
דעם הייס־צעיאַכמערטן,
האַ האַ צעפלויגענעם,
און נישט געשטויגענעם
ווינט.

אין עבדות

לאָז מיך הערן די שטילע טריט
וואָס גייען אַרום איבער עבדות.
לאָז מיך זיי הערן צוזאַמען
מיט די פלעדערמײַז
וואָס זייער קול קאָן קיינער ניט הערן.
לאָז מיך זיי הערן
צוזאַמען מיט די אויסגעגאַנגענע קוואַלן
וואָס קלאַפּן נאָך אַלץ אָן ערגעץ
אין די אײַנגעפאַלענע ווענט;
צוזאַמען מיט די יאַשטשערקעס
וואָס קלעטערן אַרום אויף די ווענט
און זייער אַלט פּנים ווייסט אַזוי פיל.
לאָז מיך לייענען די קנייטשן
אויפן פּנים פון יאַשטשערקעס
(כּתב וואָס דער מידבר
האָט אין זיי אײַנגעקריצט),
זייער בוקן זיך צו דער זון;
(אַט אַזוי האָבן געבוקט זיך די קעמלען
איידער זון האָט זיי פאַרביטן אויף שטויב)
די זון לאָז מיך הערן
ווי זי נישטערט אַרום מיט אירע דינע
פינגער אין שטויב:
אַזוי פיל זונען אַריבער
און ניט געפונען דאָס פאַרבאָרגענע, גאָלד!
לאָז הערן דאָס גאָלד
וואָס טליִעט ערגעץ אין די קברים פון די נבטים.
(רײַטער מיט פּיקעס און ווינט,
מיט אַבײַעס און פלאַמען)
לאָז צולייגן דאָס אויער

צו די פלאַמען וואָס צוקן נאָך היינט
איבער בערגלעך פון לעס,
און צום לעס — דאָס בלוט פון דער ערד.
אָט וועל איך אויך באַלד
אַ קערנדל לעס זיין אין אין־סוף.
לאָז הערן דעם אין־סוף
וואָס קרישלט אַראָפּ זיך פון מויער
און ווערט שווייגן.
צום שווייגן לאָז בוקן זיך,
הערן זיין קול.

אין מידבר

א

שטיינער קלײַבן מיך אויף,
ווינט הייבט אויף טויזנטיעריקן שטויב
און וויקלט מיך אין אים אַרײַן.
איך ווער אויך אוראַלט
מיט גערונצלטן שטערן;
אויך איך יאָג אַרום
זוך אַן אָנשפּאַר
אָן אַ דאָרן, אַ וואַנט...
און זון בלעטערט מיך דורך בײַ טאָג.
און לבנה לייענט מיך בײַ נאַכט.
עמעץ מיינט נאָך
צו געפינען טראָפּנס טרערן אין מיר —
נאָר טרוקן בין איך
פון לאַנג,
פון לאַנג.

ב

האָסט מיר צוגעזאָגט טײַכן און וואַסערן —
בין איך געוואָרן אַ שיפל
פאַר דײַנע טײַכן און וואַסערן.
נאָר טרוקן געווען אומעטום.
וואָס האָב איך געזאָלט טאָן — ריבונו?

טרייסט

מ׳מוז נאָך ניט גיין איבער שטריק
אויף אַראָפּצופאַלן.
לבנה איז נאָך גענוג גרויס
מ׳זאָל זיך קאָנען אָפּשפּיגלען אין איר
און זען די בלייכקייט פון אייגן וואָרט.

זי איז נאָך גענוג גרויס
אויף אויסצוהאַלטן די קינה נאָך אַ צײַט
ווען מ׳האָט גרינע ווערטער געקליבן אין טײַסטער
און אַ גרינער ציבער האָט שיכּור געמאַכט די וועלט.

איז דאָך עס זי אַליין געווען, די לבנה,
וואָס האָט דעמלט אײַנגעשפּאַנט אין אירע לייצן
שטיבער, שטאַלן,
און זיי אַרויפגעצויגן
איבער די בערג.

אַזאַ גרויסער הונגער געווען
וואָס האָט זיך צו איר געצינגלט.

אַזעלכע אָפענע סטעזשקעס
מיט לידער.

מ׳מוז ניט גיין איבער שטריק
אויף אַראָפּצופאַלן.

צו די דאָרפישע ברידער

ברידער דאָרפישע —
מויערן רינגלען אונדז אַרום.
אַפילו לבנה קאָן ניט מער צו אונדז אַרייַנדרינגען.

ברידער דאָרפישע —
אַלע שטערן וואָס האָבן געגליט אויף אונדזערע בגדים
זענען געוואָרן מינץ;
ברענען אויס לעבער אין אונדזער האַרץ.

אויף וואָס האָבן מיר
— ברידער דאָרפישע —
פאַרביטן אונדזערע קאַנען,
אונדזערע גלי־ווערעם,
אונדזערע קרוינען
אויסגעהאַמערטע פון גראָע,
פאַרהאַרטעוועטע טעג?

ניטאָ מער אין וואָס אייַנטוליען דעם קאָפּ.
אַפילו די ערד שווייַגט.
הערט!

ערד

ערד, וואָס כ׳בין איר האַר בײַ טאָג
און זי מײַן געליבטע בײַ נאַכט —
איר וואַרעמקייט טוט שטראָמען דורך מײַן גוף.

איבער אירע ווייכע בערגלעך
גלעטן מײַנע הענט אויס אַ שמייכל;

דער פלאַם פון מײַן בלוט —
אין איר בלוט.

צעטראָטענע פון ליבשאַפטן אַ סך,
ערד, בלאָ־געאָדערטע,
גיט זיך מיר איבער.

פון מײַן ווייטיקדיקער ריפּ —
זי געבאָרן.

דימענט

א

מיר שלייפן דעם דימענט —
מיר ווילן אין אים אַרײַנגעבן
זיך אַליין.
מיר ווילן ער זאָל ווערן דין אין אונדז
און שאַרף ווי אַ מעסער.
זון און טויט זאָלן זיך קושן
אויף זײַן ליפּ.

ב

די קוואַלן אין דימענט קומען פון גאָר וויַט.
זיי זענען טיף און מ׳קאָן זיך אין זיי באַהאַלטן.
זיי אָטעמען מיט הייל;
מיט קילן, בלאָען בליאַסק
פון נאַקעטקייט.

ג

מײַן ברויט און מײַן נאַפט־לאָמפּ, מײַן טיש און מײַן שטול —
זינגען אַרויס פון דיר.
נאָך אַ גלעט מיט דער פּײַל,
נאָך אַ קוש מיט אַ שטראַל אין דײַן בלאָקייט,
נאָך אַ טריף פון מײַן האַרץ
ביז טיף אין דײַן מיט.

ד

אין דײַנע וואַסערן; מיטן קאָפּ אַראָפּ.
מיר ווילן אַרויסזוכן דעם סוד,
מיר ווילן דערגרייכן די גרונטן
פון וועלכע ס׳וואַקסט אַרויס דײַן ליכט.

דורכגעשטראַלטע פון דײַן בלאָקייט
ווילן מיר צוקומען צו די שאַרפן
וווּ מ׳קאָן שווײַגן מיט זיך אַליין.

זון גייט דאָרט אויף.

ה

אָפּענע פענצטער אין דיר —
דורך זיי בליִען קינדערשע קעפּלעך.

זיידעס אין בורנוסן לאַנגע
קערן אויס זוניקע גאַס.

באַלאָדן מיט מלכות
שפּאַנט אַרום מיניאַטוריש אַן אייזל.

ביז שיידוועג פון שטראַלן
כ׳לויף אים אַ באָרוועסער — נאָך.

ו

צו די טרעפּ פון דײַן היכל
טראָגן די הייליקסטע שעהען
זייער פּרימאָרגן־ליד.

צו די טרעפּ פון דײַן היכל
פידלען די פאַרביקסטע שפּינען
אויס זייער בריק.

בײַ די טרעפּ פון דײַן היכל
קומען די ווערטער
אַהיים.

טרעפונג

מיר קומען זיך צונויף.
מיר דערקענען זיך.
מיר פרוון דעם באַרג וואָס צווישן אונדז
צעבײַסן מיט אַ שמייכל,
מיט זיסע רייד.
מיר וואַרפן אַריבער שטריק —
דער באַרג זאָל פאַר אונדז נידעריקער ווערן.
מיר מיינען — ער איז נידעריקער.
מיר מיינען — נאָך איין פוס־בענקעלע,
נאָך איין שטעלן־זיך־אויף־שפּיץ־פינגער.
נאָך איין וואָרט.

שויבן

א

היימען, גרייט צו אַנטפּלעקט ווערן:
מעסטן אויף זיך אָן אַ דאַך,
שטעלן אַרויס שויבן צו דער זון —
און אָט שוין אַ גאַס,
אָט שפּילן זיך שוין קינדער
אין אַ רעדל שטויב;
און אַ וואָגן „גרינס",
איבערלאָזנדיק פעלדער, סעדער
הינטער זיך —
ווערט ווידער דער צענטער פון דער וועלט.

ב

צו אַלע שבטים פון מײַן פאָלק
צוגעקומען הײַנט אַ נײַער שבט:
טאַטן*
מיט אַ מאָל —
פריילעך געוואָרן אין קוואַרטאַל:
מ'רעדט גאָר טאַטיש,
די שײַבלעך אין די שטיבער
שמייכלען — טאַטיש.
מיידלעך אין טאַטיש־אויסגענייטע בלוזקעס
שײַערן די הימלען
און ט'ווערט בלאָ און גוט און וואַרעם
אין ד'ער נײַער היים.
טאַטיש
און מ'קאָן גאָר אַלץ פאַרשטיין.

* טאַטן — ייִדן פון טאַדזשיקיסטאַן

ג

שויבן וועקן זיך אויף גאַנץ פרי
אָפּגעוואַשן,
אָן זכרונות פון נעכט,
פון נעכטיקע טעג.

די ערשטע פאַרב וואָס קלעבט זיך צו זיי צו
איז די פאַרב פון זון.
שפּעטער קומט צו דער הימל.
און נאָכן הימל —
אַלץ וואָס די גאַס רופט צונויף:
אויבסט־הענדלער,
שטויב־קערער,
טויבן,
קינדער וואָס קוקן אַרײַן
טיף
זעען זיך טאָפּלט
צום ערשטן מאָל.

ד

פענצטער צעפּראַלטע
דערציילן דער גאַס וואָס אין שטוב,
דערציילן דער שטוב וואָס אין גאַס;
פירן קאָנטעס אָפענע
פון זון און פון בלאָ און פון וועלט,
ניט באַגרענעצטע,
באַפאַרבטע אַ מאָל מיט אַ שטערן,
מיט אַ גרעזל וואָס מישט זיך אַרײַן,
מיט אַ פלאַטערל —
וואָס צוויי פאָר פליגל

זענען אים ניט גענוג:
ער וויל זיך זען טאָפּלט.

ה

יום־טוב שפּריַיזט אַרום אין מיַין בלוט,
קלינגט מיט גלעקער,
צינדט אָן ליכט,
מאַכט אַלע מלבושים,
וואָס איך טו אָן,
וויַיס.

אַן אַלטער ייִד
וואַקלט זיך אין מיר
מיט אַ טלית־זאַק אונטערן אָרעם:
ער איז בגילופין,
ער האָט אַלע דאגות
אויסגעגעבן.

ו

אין האַרץ פון לידער
הענג אויס דיַין פאָן
די שויב, די געציטערטע,
די אויסגעלייזטע פון טרערן,
די קלאָרע, פאַרכטיקע,
די מיט די פייגל צעפּאָכעטע
און מיט די בלומען אין אויג.

ז

איינער איז דאָ וואָס וויל דווקא שטיין אין דער גאַס
און וויל טאַנצן —
וויַיל ער האָט אַ גאָלדענעם האָן אין האַרץ;

ווײַל עס בליִען די קראָמען;
ווײַל ער האָט אַ גאָלדענעם האָן אין האַרץ,
און ווײַל כאַטעס פֿאַרשטויבטע
טרעטן שוין אָפּ דעם וועג פֿאַר גאָרנס
פֿאַר פּריש־אויסגעשפּרייטן אַספֿאַלט.
איינער איז דאָ אין דער גאַס וואָס וויל טאַנצן —
ווײַל דער הימל דערמאָנט אים אָן בעז;
ווײַל ער האָט אַ גאָלדענעם האָן אין האַרץ
וואָס רופֿט זיך איבער מיט דעם פֿון אַ קראָם.
און דאָס איז זײַן קראָם;
און דער שליסל צו איר אין זײַן האַנט;
און מ׳קאָן מיט אים טאָן וואָס מ׳וויל;
איינער איז דאָ אין דער גאַס
וואָס וויל טאַנצן.

שיכּרות

א

...בגילופין געווען;
און אַז אַ ליד פלעגט זיך אָנצינדן בײַ נאַכט —
פלעגט מען עס אויפהענגען צווישן די שטערן.
נאָך געווען אַ טך אָרט אויפן הימל
און מ׳האָט נאָר געדאַרפט אויסשטרעקן די האַנט.

האָט מען דעמלט אויפגעהאַנגען לידער וואָס פלעגן
שטאַרק דערמאָנען
אָן וועגט און אָן ווינדלען —
געווען דער ערשטער אַרויספּלי זייערער אין דער וועלט.

זענען די הימלען פולער געוואָרן.
זיי זענען געלעגן שטאַרק נידעריק,
מ׳האָט זיך געקאָנט אָנטאָן אין זיי,
מ׳האָט מיט זיי געקאָנט צודעקן
דאָס גאַנצע לאַנד.

ב

די וועגן פלעגן אַלע אין דער פרי
ברענגען די זון מיט זיך.
אַ סך זונען האָט מען אַרײַנגעבראַכט אין יענע טעג.
מ׳האָט געחלומט פון גראָז און פון ביימער,
הײַזקעס זענען געוואַקסן מיט רויטע קאָמען פול פרייד
וואָס מיר פלעגן רופן: דעבער;
עמעץ איז אַ גאַנצע צײַט געשטאַנען
און דעם מידבר אַוועקגעקערט
פאַר דער טיר.

ג

דורך אַלע הערצער פלעג אַרײַנפּלייצן דאָס פאָלק.
זיי זענען געווען די מאָן־קעפּ פון אונדזערע טעג;
זיי פלעגן שיכּור מאַכן אַפילו די שטיינער.
מיט קינד און קייט פלעגן זיי דורכפלעכטן אונדזערע אויגן
און איבערלאָזן אין זיי אַ ביסל ליכט.
וואָס האָט מען ניט אַלץ געטאָן
כּדי זיך אָנצוּוואַרעמען אין זיי
און ניט בלײַבן אַליין?!

באַגעגעניש

א

קומט — לאָמיר זיך אָנטרינקען איינער מיטן צווייטן,
לאָמיר איבערגיסן איינער אין צווייטן אונדזער אַנדערשקייט.
פולע ביז שוויַגן זענען מיר הײַנט און ביז וועלן שיכּור־זײַן.
ניט אָנרירן זיך, נאָר שטיין און הערן ווי די צײַט
טריפט אַראָפּ אין אונדזער זכּרון בלעטער, שטערן.
מיר זענען געווען אין די שטערן און אפשר ניט מיר געווען
נאָר אונדזערע טאַטעס און זיידעס, די געצאָרעמטע אין אַ בלאָער ראָם.
ניט אָנרירן זיך נאָר שטיין און הערן
ווי שטעטלעך קומען צוריק, ווי וועגן וויקלען
זיך אַרויס פון שלאָף; און אפשר זענען עס אונדזערע טאַטעס און זיידעס
די אַרויסגעשפּאַנטע פון ראָם און איצט קומען זיי גרויסע,
אָנטרינקען זיך איינער מיטן צווייטן,
איבערגיסן זיך איינער אין צווייטן,
צונויפגיסן זיך
אַזוי ווי מיר?

ב

ייִדן פון יענער זײַט סמבטיון, שבת־קודש־ייִדן —
הײַנט זענען מ י ר עס וואָס קומען אײַך אַנטקעגן פּאַר נאַכט;
הײַנט זענען מיר עס וואָס צינדן אָן ליכטלעך אין שויבן.
און כאָטש קליין זענען מיר,
כאָטש מיר אָקערן אַ גאַנצע וואָך שווער
אויף אַרויסצוגראָבן אַ שטיקל לבנה —
הענגען מיר זי הײַנט אויס נײַ און אויסגעצוואָגן
איבער אײַערע
איבער אונדזערע
קעפּ.

ג

גרויסע שטערן איבער אונדז.
מיר זיצן מיזרחדיק.
מיר ציילן אויף נײַע נעמען, נײַע פּנימער.
די נאַרגילע אין אונדזער האַנט
איז דער כּישוף
וואָס האָט אונדז צונויפגעפּירט פון די הרי־חושך,
שווײַגן אָנגעצונדן אין אויג.
מיר שווײַגן אויס נאָענטקייט,
מיר שווײַגן אויס ווײַסע שטיבער
הינטער אונדז.
(די מאַמעס זענען דאָ,
און דאָ קינדער
און דאָ וואַרעמקייט פון דער נאַכט).
בלאָע די געדעכענישן וואָס קומען אויף,
נאָר מיר לאָזן זיי אַראָפּפאַלן אין אונדזער שויס.
זײַט בײַ זײַט, אין אַ ראָד.
מ׳איז שוין אַ מאָל דאָ געווען,
מ׳האָט שוין אַ מאָל געטראָגן די נאַרגילע פון ליפּ צו ליפּ,
מ׳האָט שוין אַ מאָל אויפגעסיליעט אין איינעם
שטערן.

ד

שטילקייט.
לבנה אין הענט.
מיר צערײַסן זי ווי אַ „פּיטע״,
מיר צעטיילן זי צווישן זיך גלײַך אויף גלײַך.
די זעלבע וואָס אין קאַזאַבלאַנקאַ.
די זעלבע וואָס אין כעלעם.
לבנהס פּאַרפולטע מיט בענקשאַפטן,
שטענדיק איבער דעכער,

שטענדיק ווען מ׳איז געווען אַליין.
אַזעלכע ריינע און אויסגעבאַקענע
ווי ס׳האָבן זיי מאַמעס אַרויסגעשאַרט פון אויוון.
צי רחל האָט זי געהייסן
צי פרחה —
אונדזערע מאַמעס
איינגעוויקלטע אין גראָע האָר,
אין סאַמע מיטן וואָר.

די קאַוועגע

מיר צעשנײַדן די קאַוועגע.
מיר צעטיילן זי מיט אַ פולער האַנט —
מעג לבנה וואָס הענגט איבערן דאַך אונדז מקנא זײַן.
און מיר טרינקען אויס מיט די אויגן
ווײַב און קינד און שטוב,
מיר ציילן: ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ —
און פאַרשעמען זיך.
אָט אַזוי: ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ
און מיר האָבן אַ טיש אַוועקגעשטעלט אין מיטן דער וועלט,
האָבן מיר זיך אָנגעטאָן מיטן אָטעם פון אַ גאַנץ געזינד.
אָט אַזוי זענען מיר אָנגעפּיקעוועט געוואָרן מיט אין־סוף.
גליט די קאַוועגע און זי איז אַ חלק פון אונדז.
מיר טיילן זי פונאַנד איבער געבויגענע קעפּלעך.
מיר לאַכן און די לבנה לאַכט מיט.
אָט אַזוי: ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ
און מיר וועלן זיך באַלד האַלדזן
מיט זיך אַליין.

שלווה

א

אַלץ אַזוי גוט און אויסגעמאָסטן:
זון קייטלט זיך אָן זון,
קליינע יאַשטשערקעס ווערן גרויסע יאַשטשערקעס,
ציגן לעקן אָפּ בלעטער,
לעקן אָפּ שטיינער,
באַלד וועלן זיי אָפּלעקן אויך די זכרונות
וואָס אין דיר.

סטעזשקעס הכנעהדיקע
פאַרבינדן שטוב מיט שטוב.
אין יעדן דאָרן דאָ דער המשך
פאַר אַ נײַעם דאָרן.
יעדעס פענצטער אויפגעריסן צום הימל —
האַלט דעם גאַנצן הימל אין זיך.

אַלט־באַקאַנטע ווערטער
שטעלן אונטער זייער פּלייצע
יעדן טאָג פון דאָס נײַ.

ב

ווינט וויקלט מיך אויס.
כ'שטעל אַוועק אַ פוס אין זאַמד.
לאָז איבער אַ סימן.

ווען איך בייג אָן דעם קאָפּ,
קוק אין זיך אַרײַן —
זיגלט מיך זון
צו.

און אַזוי ווײַטער,
ביז אַ קוואַל שפּראָצט,
ביז ערד גרינט,
ביז ס׳ווערט אַ לאַנד.

ג
אין שטיבער נײַע
זעגן נײַע גרילן,
שפּילן אויס סערענאַדעס
ערשטמאָליקע
צו די ריינסטע שויבן
אין דער לבנה,
צו די יינגסטע גראָזן
אויף דער וועלט.

ד
כ׳קום צו דיר מיט אַ טשערעדע שעפּעלעך
קוטשעראַווע,
אויפגעקליבענע פון די הימלען
אין אַ זון־פאַרגאַנג,
ערב־רעגן,
ווען אַלץ אָטעמט הייס,
ווען אַלץ אויפגעקלערט —
אַפילו די קליינע שײַבלעך
וואָס ווערן באַלד אַרײַנפאַלן
אין נאַכט.

ה
אויפגעסיליעטע אויף אַ שטראַל
פון ליכט
זענען אַלע שײַבלעך

בלאָ געוואָרן,
רויט געוואָרן,
מ׳קאָן חלומען
פון אליהו הנביא.
ער איז דאָ.

אין מידבר פּאָרן

פאַר שולה און עמוס

א

לעמפּלער וואָס צינדן זיך אָן
פאַר נאַכט אינעם מידבר —
באַלײַכטן יעדן אות
דערהעלן יעדן געדאַנק.
דאָ וועט מען ווידער קאָנען
אויסהענגען דאָס וואָרט
בראשית;
דאָ וועט מען ווידער קאָנען
אויפציילן
די טרערן וואָס מ׳פאַרמאָגט,
די פריידן וואָס מ׳האָט אָפּגעשפּאָרט.
קליין, מיט אַן אָפענעם פּינקס,
וועט מען ווידער קאָנען גיין
פון דערפל צו דערפל
און הערן
דאָס וואַקסן פון גראָז.
אויף זיך צו געפינען
וועט מען נישט דאַרפן
מער שטיין
אויף שפּיץ־פינגער;
אויף זיך צו דערקענען
וועט מען נישט דאַרפן מער זוכן
אין פוסטריט
פון צײַט.

ב

אַ קליין טעלערל פון הימל
האָב איך דיר געגעבן —
צופוסנס די הרי חושך:
אַ יונג דערפל
באַגאָסן מיט מילך
און מיט זון,
אַרומגעקרוינט מיט בלאָע בלימלעך,
מיט גראָזן,
אָפּגעריסן פון דער וועלט,
האַלטנדיק די וועלט
בלויז אויף שפּיץ צונג.

ג

די ווײַטקייטן דאָ זענען אַנדערע
ניט צו מעסטן מיט ווערטער,
ניט אַרײַנקלעמען זיי צווישן
רגעס און שעהען;
אויך די זון גייט דאָ אונטער
פּאַמעלעכער.
אָן אַ שיעור וועלט.
אָן אַ שיעור שווײַגן
אונטער די הימלען.

ד

כ׳לערן אויס דעם שליאַך
מיך צו דערקענען,
מיך צו לייענען הין־און־קריק
זומער און ווינטער,
מיט מײַן קליין ליד אין האַרץ,
מיט מײַנע פעלערן,

הין־און־קריק
און פון שאָטן צו שאָטן
הין און קריק
און מיט אַ מאָל פילן
ווי אַלץ גייט אַרײַן אין מײַן אויג.

ה
אַזוי פיל כּוח דאָ אין די וויוגעס
פון נגב:
צו רײַטן אויף טויזנטער פערד;
אויפצוקלײַבן יעדן קערנדל זאַמד;
מיר צו וואַרפן אין פּנים.
און אַזוי פיל לײַטזעליקייט
דאָ אין דער וויוגע
צו לאָזן מיך שטיין,
ניט פּלעטן מיך
מיטן רויך פון צעריבענע בערג,
מיט די זאַמדן,
לאָזן מיר צײַט
ביז כ׳וועל ווערן איינער פון זיי.

ערשטער פּאַרזיי

א

אַלע וועגט
טו איך אַרויסשטעלן היינט צו דער וועלט.
זאָלן זיי זיך אָנטרינקען,
זאָלן זיי שיכּור ווערן ווי איך.

און די פענצטער
און די וואַזאָנעס אין זיי —
זאָלן זיי זיך אָנטרינקען
שיכּור ווערן
ווי איך.

אָ! היינט האָב איך די ערשטע זאָמען
פּאַרזייט
אין דער ערד!

ב

די ערד איז גרין געוואָרן.
גיי דערצייל עס די קינדער
דערצייל עס דער גאַנצער וועלט.

הייזקעס שפּיגלען זיך
איינע אין דער צווייטער,
אויסגעפּיקטע פון זעלבן איי.
מ'זאָגט: הינטער סקאַלעס
קלאַפּט מען שוין צונויף אַ בלאָען שליאַך.
דערצייל עס די קינדער!
דערצייל עס דער גאַנצער וועלט!

אויפגאַנג

צו ליאור

דאָס עופעלע, דאָס אָקערשט געבאָרענע!
דער צעעפנטער טאָג!
די זון — די שׂרפה די גרויסע!
מאַמע — ווען געזען וואָלסט מיך גיין
איבער סקאַלעס די ווײַסע, סקאַלעס באַשאָטנטע
נאָר פון אונדזערע טעג, אָנטאָפּן ס׳עופעלע דאָס אָקערשט געבאָרענע;
אָנרירן מעַנטשן און זייערע פּנימער; אָנטאַפּן,
אַרײַנבײַסן זיך מיט ציינער
אין דער שטייניקער ערד. ווען געזען וואָלסט
ווי כ׳פּאַרזוך דעם טעם פון מעל וואָס ליגט אין דער ערד,
טעם פון אונדזער שווייס צווישן אויפגאַנג און שקיעה,
טעם פון הונגער וואָס אין אונדזער גוף.
מאַמע — ווען זען וואָלסט דעם טאָג ווי ער גייט און גייט אויס
און ס׳פלאַמט אויף דאָס נעאָן־ליכט, אַזאַ אויג אין דער נאַכט
איבער הײַזקעס... מאַמע!

צו אַ נײַ דאָרף

שטעל אויס הײַזקעס.
שטעל אויס אַ סך הײַזקעס
און בוי זיך אין זיי אַרײַן.
וואַרעם זיי אויס מיט דײַנע זונען,
צעשפּיל זיי מיט די פייגל
וואָס אין דײַן האַרץ,
שטעק אין זיי אַרײַן פליגל.
ניט דו וועסט דאַרפן אויפוועקן
אין זיי דעם רעגן,
ניט דו וועסט דאַרפן
שנעלן זיי אין נאָז,
זיי זאָגן:
וואַקסט!

פלָאים

איך קלײַב נאָך אַלץ

איך קלײַב נאָך אַלץ אויף פּלאָים
בלאָ־אויגיקע. כ׳ווער ניט מיד
צו שיקן מײַנע שטילסטע שעהען
אויף די וואַסערן פון מײַן ליד.

אפשר וועלן זיי נאָך יאָרן
צוריקקומען פון ווײַטן לאַנד,
אָנהייבן ווידער פון פאָרנט
די רגעס וואָס כ׳האָב פאַרזאַמט.

אויב ניט — זאָלן זיי דאָרט בלײַבן
און זיך באָדן אין אייגענער שײַן;
אויף וואַסערן גרויסע זיך טרײַבן
און זײַן וואָס באַשערט זיי זײַן.

ביז צעפּלאַצט וועט אייביקייט ווערן
אונטער אייביקן גאַנג פון וואָרט,
אין וועלכן ס׳האָט זיך אַ שטערן
אַ מאָל מיט אַ שטויב געפּאָרט.

פון ס׳נײַ

קינדער וואַקסן מיך אַריבער;
און שטאָט ווערט גרויס און גאָרנס זענען גרייט,
נאָר איך שטיי אַלץ נאָך צוגעבונדן צו די לידער
וואָס ס׳האָט, פאַר יאָרן, מיר אַ קמצן אויפגענייט;

נאָר איך פּרוּוו אַלץ מיט ציטערדיקע טראָפּן
— וואָס יעדער איינער צו זיין קלאַנג אַ שקלאַף —
דעם וועג באַלײַכטן איבער שטומע דפים,
נאָכיאָגן ווילדן ריטעם פון באַשאַף.

מיט וואָסער כּישוף מײַנע שיך באַקאָוועז
זיי זאָלן מאַכן זיבן מײַלן פאַר איין מאָל,
די ווערטער זאָלן יונגע פונעם טאָוול
אַרויסהירזשען אַן לייצן און אַן עול?

צי ניט צו שפּעט אויף שפּאָגל־נײַעם גאָרן
די ווערטער אויסהענגען ווי ווינדלען אינעם ווינט,
פאַרזיכערן, אַז — צו להכעיס מײַנע יאָרן —
איז נאָך מײַן קאָפּ אַן אָפּענער און גרינט?

און אפשר לאָזן אַלטע ווערטער ליגן,
אײַנהערן זיך מיט זיי ווי ס׳גייט
דער נײַער דור מיט נײַעם פויק־און־ניגון
וואָס ס׳האָט אַ נײַער קמצן פאַר זיי אויפגענייט?

זאָל זײַן ווי ס׳איז. די קינדער וואַקסן אונטער.
די שטאָט ווערט גרויס. מען זעט שוין ניט איר ענד.
און פּלוצעם פּליט שוין ווידער אַ צעזשומטער
געקרויז פון ווערטער אַן — באַפּרוכפּערט ביידע הענט.

דער קאַלענדאַר

דער קאַלענדאַר אין וועלכן כ׳דערמאָן זיך
האָט געהאַט גרינע בלעטער.
ווען מ׳האָט זיך גוט אין אים אײַנגעקוקט,
האָבן פון אים אַרויסגעווינקט
יאַגדעס, ווינטשפינגערלעך,
און הײַזקעס פּאַרפּישופּטע —
אַלע פון מאַרצעפּאַן.

ניט איין מאָל האָט זיך געוואָלט
פאַרהאַלטן די זון,
כּדי ניט צו מוזן אָפּרײַסן דאָס בלעטל פונעם קאַלענדאַר,
כאָטש הײַנט ווייס איך אַז כ׳האָב ניט באַדאַרפט
מורא האָבן:
הינטער יעדן אָפּגעריסענעם טאָג
איז אויסגעוואַקסן אַ צווייטער,
גרין, האָפּערדיק,
מיט אַ סך שמייכלען אונטער דער נאָז.

און אַז איך בין דעמלט נאָכגעלאָפן אַ משיח-פערדל
וואָס האָט אין ערגעץ ניט דערפירט —
האָב איך דאָך דעמלט ניט געוווּסט.
געווען אַזאַ געדיכטער קאַלענדאַר — אַ וואַלד,
די קאָלירן פון משיח-פערדל האָבן געמאַניעט,
געמיינט האָט מען יעדע רגע:
אָט וועט מען אָוועקפליִען מיט אים
אין דער ווײַטער וועלט.

קינדער

פּאַר שירי

א

קינדער
פליעסקען צונויף איין וועלט מיט דער צווייטער.
ווערט שענער די וועלט.

קינדער האָבן ראָזשינקעס און מאַנדלען אין די אויגן.
זיי טיילן פונאַנד,
נאָר ס׳איז קיין מאָל ניט גענוג.

יעדן טאָג ברענגען זיי
פון יריד אַהיים אַ ציגעלע אַ קלאָרס
צו געבן טאַטע־מאַמע.

טאַטעס פאָרן ניט מער האַנדלען.
מאַמעס שטייען מיט פאַרלייגטע הענט
און קוקן צו זיך
ווי די שטוב ווערט פול.

ב

ב׳וועל אָנטאָן אַלע קינדער אַ כּתונת־פּסים
און זיי אַרויסשיקן אין גאַס
צו חלומען פון גליק.

זאָלן זיי קומען מיר דערציילן בלאָע מעשׂיות
פון לבנהס און פון שטערן,
פון קני׳ענדיקע גאַרבן אין אַ ראָד.

די שטוב איז פול מיט ציגעלעך מיט ווײַסע.
קיין איין ציגעלע ניט געוואָרן
אויפֿן פעלד פֿאַרצוקט.

ג
כ׳האָב אויפגעמאַכט אַלע טירן צו מיר
און די קינדער זענען אַרײַן.
ניט געהאַט קיין שטול זיי אַוועקצוזעצן —
איז זיי גענוג געווען דער דיל.
ניט געווען קיין זון אין שטוב —
האָבן זיי אויפגעהאַנגען זייערע.
בלאָע פֿעדעם האָבן זיי אויסגעשפּינט
און מיך אַרײַנגעוויקלט אין זיי
אין איינעם מיט פלאַטערלעך.

קליינע גלעקלעך האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען
אין דער וועלט.
כ׳האָב אויפגעמאַכט אַלע טירן צו מיר.

ד
אין מײַנע ברילן באַהאַלט איך
אַלע קינדער פֿון דער וועלט.
איך האָב זיי אָפּגעשפּראָכן פֿון די ווײַסע האָזן,
וואָס האָבן זיי ניט געלאָזט שלאָפֿן בײַ נאַכט.
איך האָב פֿון זיי אָפּגערעדט אַלע שרעטעלעך
וואָס פלעגן קומען זיי צופּן בײַם אויער;
און אויף דער לבֿנה, ווי אויף אַ טאָוול,
האָב איך אויפגעשריבן דעם גרעסטן אלף־בית
וואָס כ׳האָב פֿאַרמאָגט,
זיי זאָלן זיך לערנען
ליב האָבן די לבֿנה.

ה

אַ קינד האָט מיר געגעבן די האַנט,
האָט מיר געזאָגט:
כ׳פיר דיך אַריבער
דעם סמבטיון.
קוק ניט אויף דעם
וואָס ניט לאַנג בין איך געבאָרן געוואָרן.
הײַנט בין איך גרעסער.
מאָרגן וועל איך ווערן אַ בוים,
האָבן פליגל,
וואַקסן מיט פייגל —
פונעם דינסטן וואָרצל אין מיר
ביז צו דער סאַמע זון.

ו

קינדער זענען נאָענט צו גאָט.
ווי לאַנג דען אַוועק
פון זינט אַ מלאך
איז געזעסן מיט זיי
און אין זיי אײַנגעקנעלט תּורה?

קינדער זענען נאָענט צו גאָט —
ווי ווײַט דען
די האַנט פון אַ קינד
ביז צום הימל?

קינדער זענען נאָענט צו גאָט.
און אַז אַ קינד וויינט —
וויינט גאָט מיט.

ז

קינדער וואַקסן מיך אַריבער.
זיי זענען דער וואַלד
אין וועלכן כ׳האָב ליב נעלם צו ווערן.
אויב מ׳וועט קומען מיך זוכן,
זאָל מען פרעגן פריִער ביַי די ביימער.
אויב איך וועל ניט צוריקקומען,
זאָלן זיַין קינדער די עדות:
איך בין געוועזן.

ח

כ׳רייד ווערטער לופטיקע.
כ׳קליַיב זיי צונויף פונעם אַספאַלט פון גאַסן;
כ׳וואַרף זיי ווי באַלעמס
הויך צו הימלען.
ווער זאָגט אַז קליין די וועלט
און פול מיט דערנער?
מיט ווערטער אויף דער צונג,
מיט בלויזע ווערטער,
וועל איך אין מיטן גאַס
באַלד אָנהייבן צו פליִען.

ר׳ פּײַװיש

װי אַלע װוּנדער —
אַזוי אויך מײַן קלײנער ר׳ פּײַװיש
מיט דער פֿײַערדיקער באָרד,
װאָס האָט אַלע זונען צו זיך צוגעצױגן
נאָר קײן פּרנסה האָט ער ניט געהאַט.

בלאָע מעשׂהלעך
פֿלעגט ער שטענדיק אַרױסטרײסלען פֿון אַרבל.
און אַז קאַלט געװען
פֿלעגן זײ אים װאַרעמען װי אַ פּעלץ.

האַלבע־שיכּורע פֿלעגן מיר זיצן
אין פּאָליש
אַרום נאַפּט־לעמפּל;

אַזױ לאַנג געקומען משיח,
ביז דער רבי איז אויסגעגאַנגען
פֿאַר אונדזער אויג.

צום מענטש אויף דער לבנה

כ׳הייב אָן מקנא זײַן דעם מענטש אויף דער לבנה.
כ׳שטעל צו מײַן לייטער צו אים, מײַן אַלטמאָדישן.
איין מאָל אין חודש כ׳וועל אויך אים מקדש זײַן.
זאָל זײַן אַז כ׳קען אים ניט,
זאָל זײַן אַז כ׳פֿאַרשטיי אים ניט,
נאָר ס׳איז פֿרייד אַזוי בלאָ אין די נעבכט
ווען ער רעדט צו מיר;
ווען ער בייגט צו מיר אָן
זײַן קאָפּ אויסגעשטערנטן;
און איך קאָן דערהערן אים!
איך קאָן דערהערן אים!

ייִדישע ווערטער

פון אונטער אַ סך אַש
דעק איך אויף ייִדישע ווערטער
גאָלדענע,
אַזעלכע וואָס בליִען ניט אָפּ,
אַזעלכע וואָס ווערן קיין מאָל ניט פאַרברענט.

זיי האָט ניט אויסגעהאַקט אַ שמיד מיט זײַן דלאָטע.
אַ מאַמעס זהאַרץ האָט זיי געהאַט,
מאַמישע פינגער האָבן אויף זיי אָנגעטאָן
פליטערלעך און זײַדנס.
און אויבן בשמים —
איז עס דער אָטעם געווען
פון דער מאַמעס מויל.

מיט אַ סך שטורעמס האָט מען זיי געפּרוווט אַרויסרײַסן.
מ׳האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן וועלטן, תּוכחות;
בערג האָט מען אויף זיי פאַרברענט און צעמאָלן אויף אַש —
און איצט שאַר איך זיי אַרויס ווי פון אַ פוטערפאַס,
ווערטער קליינע,
באַצירטע,
זינגענדיקע אין מײַן האַנט.

אויף דער עלטער

א

חוני המעגל איז אָפּגעשלאָפֿן זיבעציק יאָר.
ער קאָן שוין מער ניט מאַכן אַ קרײַז אַרום זיך.
ער קאָן שוין מער ניט הערן דאָס טרעלן פֿון פֿייגל,
ער קאָן שוין מער ניט אַרומשטעקן זיך מיט בלומען.
ער קאָן שוין גאָרניט מער.

און זײַן פּנים זעט מען ניט מער צווישן די קנייטשן.
זײַנע אויגן זענען באַוואָקסן מיט מאָך.
ווער וועט זאָגן אַז דאָס איז חוני המעגל?
און קינדער שווייבלען אַרום אים,
קינדער באַוואַרפֿן אים מיט „בערלער" און שטעכלקעס.
זיי זינגען:
„אַ ציגל, אַ מיגל,
אַ זון מיט אַ רעגן".

...אָבער ווער וועט איצט ברענגען אַ רעגן?

ב

דער קרײַז הינטער וועלכן
חוני־המעגל האָט זיך געהאַט פֿאַרפּעסטיקט,
איז ניט געוואָרן:
מײַז האָבן אים צעגריזשעט,
הייסע ווינטן האָבן אים צערודערט,
יעדן טאָג איז געקומען אַ שוואַרצער פֿויגל
אים אויסגעפּיקט
אַ שטיק האַרץ.

מעשׂה גישאַר

פאַר שרה צפתמן

א

„מעשׂה גישאַר".
מעשׂינז געשעען מיט מיר יעדן טאָג:
אַ שטיין בליט,
אַ יאַשטשערקע רעדט צו מיר
מיט אַ מענטשיש קול;
אָפּגעריבענע ווערטער
וואָס כ'האָב פריִער געהאַט צעטריבן
מיטן ווינט —
קומען ווידער, שעמעוודיק,
צו מיר צוריק.

מיט הייסע פינגער
שאַר איך צונויף זון
און לייג זי אַוועק אויף לאַטעס,
וואָס — ווי גרויס זיי זענען ניט געווען —
זענען זיי געווען אייגענע.
קיין מאָל איז נאָך ניט געווען
אַזאַ מידער, פאַרלאַטעטער־פון־זון,
ווי איך.
און הונגעריק
שלינג איך וווּנדער
און טייַטש־חומשן:
משה רבנו האָט טאַקע געשפּאָלטן פאַר מיר
דעם ים,
אָבער ווי צו בלייַבן גאַנץ —
האָב איך זיך געלערנט
בייַ ר' יודא חסיד.

ב

כ׳שפּין צונויף וועלט מיט וועלט.

כ׳רייד פון ירושלים —

און מיין די שמאָלע געסלעך פון רעגנסבורג.

כ׳מאַך אויף אַ ספר —

און זע זיך שטיין אין מיטן פון אַ

„מעשׂה גישאַך״;

איך בין ניט ר׳ יודא חסיד —

נאָר ווי ער וואַרט איך אויף אַ נס.

ווײַסע טויבן, אַרויסגעלאָזטע פון הימל,

זוכן נאָך אַלץ אַן אָנשפּאַר.

צי איז עס ירושלים — רעגנסבורג?

דער רעגן־בויגן הענגט די גאַנצע צײַט

פאַר די אויגן —

נאָך דער מבול

קנוילט נאָך זײַנע פויסטן

ווי פריִער.

דורך גרויסע שויבן פלייצן אַרײַן רעגן, זון.

די לערערין צפתמן שיילט אויס גאָלדענע ווערטער

פון פוטערפּאַס,

שטעלט אַרויס פאַר די טירן ייִדן אין ייִדנהיט,

ווײַבער אין טשיפּיקעס.

ס׳איז קיין מאָל ניט רעגנסבורג אַזוי פול מיט ירושלים געווען

ווי איצט,

ווען די לערערין צפתמן

האַלט זיי —

מתיקותדיק —

אויף איר שפּיץ צונג.

קלאַנגען פון „מעשׂה גישאַך״:

כ׳שלינג פאַרבן, ווינטהענער;
כ׳דריי זיך מיט זיי אין קאַרוסעל
און לויף נאָך — זיך אַליין.
די לערערין צפּתמן זאָגט:
ר׳ יודא חסיד
„טעט ווונדער״ צו רעגנסבורג,
מאַכט אַלע הגמונים,
וואָס רײַטן אויף זייער מאַנטל פון ווײַרעך —
צו נישט.

ג
צו פרי, צו פרי,
קלאַפּט אָן דער פּסח אין טיר,
עפנט אויף זײַנע פאָלעס דער ווינט,
שפּרינגט מיט אונדז אַריבער
קיין מצרים,
שפּרינגט צוריק,
לערנט מיט אונז די פּרשה
קריעת־ים־סוף.
מאַזאָליעס אויף דער צונג:
משה רבנו האָט געוווּסט אַז ער וועט ווערן
מלך,
אָבער אויסגעשטרעקט די האַנט
האָט ער ניט צום גאָלד
נאָר צו די האָלאָוועשקעס...

די לעצטע כמאַרעס
האָבן אויף אונדז נאָך ניט אויסגעגאָסן
זייער רעגן,
נאָר שוין טראָגן מיר זיך אַרום
מיט אַנעמאָנעס אויף דער ברוסט,

גדלותדיק, גאווה בליט.
מרים די נביאה
טאַנצט אַנטקעגן יעדן איינעם
מיט אַן „אָז ישיר״ אין מויל,
כאָטש אַ האַלבע וועלט שטעקט נאָך,
גאַנץ טיף
מיט איין פוס
אין ים.

פאַרלאָטעטע שויבן
האָבן אויף זיך, מיט אַ מאָל,
אָנגעטאָן די גאַנצע זון
און זענען גרייט אַרײַנצונעמען אין זיך
גראָז, בלאָטע,
אַן אליהו מיט אַן אונטערגעבונדענער באָרד,
אַ משיח
וואָס דאַרף נאָך אַליין האָבן אַ משיח.

פחדים

זכרונות

זכרונות קומען
אָן פליגל,
אָן פאַרב.

וואָלטן זיי זײַן שטיינער —
וואָלט איך זיי אויסגעגראָבן, אַרויסרײַסן פון האַרץ.
זיי זענען ניט שטיינער —
נאָר שווערער פון זיי.
וואָלטן זיי זײַן פײַער,
וואָלט איך זיך אין זיי אײַנוויקלען —
אַרומגיין רויט איבער דער וועלט.
זיי זענען ניט פײַער.
מער.

*

געוועזן איינער
וואָס האָט די כאַטעס דערהויבן צו הימלען,
ביז זיי האָבן פאַרשטעלט אים די הימלען;

איינער,
וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט לבנהס,
אַרומגעהאַנגען זיי אַרום זיך ווי אַ קראַנץ,
ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען.

און וואָרט צו וואָרט האָט ער אויפגעקליבן,
שטערן נאָך שטערן אָפּגעשײַערט,
פאַרוויגט זיך איןביימער און בלומען —
אַלץ אומזיסט.

*

כ׳טראַכט וועגן גאָט.
אַ סך גאָט איז אין מיר געשטאָרבן
פון זינט כ׳האָב זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג.
אַ סך גאָט האָב איך געלאָזט הינטער זיך.
געוואָלט פאַרויסלויפן,
אָנשפּיליען
פּענער פלאַקערדיקע דער וועלט.
און אַ סך גאָט
געבליבן אין מיר אינעווייניק,
נידעריק,
שוין אָן די הויכע הימלען,
שוין אָן שטערן,
נאָר שטענדיק זוכנדיק,
נאָך אַלץ זוכנדיק
מיט מיר
אַ נײַעם וועג.

אינדיאַנער זומער

יאָרן טאַנצן אַרום יִשוב
ווי אינדיאַנער מיט די טאָמאַהאָווקן,
שיילן פֿון אים אָפּ
אַ פּנים נאָך אַ פּנים,
שיילן פֿון אים אָפּ
די פּליטערלעך און חנען,
שנײַדן — אין געהיים און בפרהסיה —
אײַן אויף אים אַ מאַסקע קנייטשן:
ברוינע, געלע בלעטער אויף די ביימער — אָסיען;
רויטער טאַנץ פֿון די אינדיאַנער
מיט די טאָמאַהאָווקן.
קאַראַהאָד פֿון יאָרן
אַרום יִשוב.

*

די וועלט זאָל ניט איינפאַלן אויף מיר —
באַהאַלט איך זיך הינטער מאַסקעס
בלומיקע, גאַליקע,
איין מאַסקע אויף צווייטער,
איינע אונטער דער צווייטער:
אפשר וועט מען ניט דערקענען
ווער איך בין?

די וועלט זאָל ניט איינפאַלן אויף מיר —
קלאַפּ איך אין איר אַריין טשוועקעס
שטאָלענע, גאָלדענע;
בוי אויף איר אויס ווינטמילן,
וואַרף אויף איר אַרויף
מיין טרער.

פּחד

פֿון וואַנען קומט דער פּחד —
פֿון די וואָלקולאַקעס אַרום דער לבֿנה,
פֿון די הײַזער וואָס מ׳האָט אויפֿגעטורעמט צו הויך,
פֿון דעם וואָרט וואָס האָט מער גאָרניט ניט
חוץ זיך אַליין ?

מיט אַ מאָל האָבן אויך די שויבן
אָנגעהויבן צו זאָגן נבֿיאות,
אַז אַלץ איינס : דער שטערן פֿון אויבן,
צי דער וואָס שפּיגלט זיך אין זײַ אָפּ.

און מיט אַ מאָל האָט מען אַלץ געזען
אויף דער וואַנט אויפֿגעשריבן :
דעם הימל וואָס פֿאַלט,
דעם מבול,
די ווײַסע פֿעדער
פֿון אַ לעצטער
זיך טרינקענדיקער
טויב.

שטיינער

כ׳גריזשע נאָך אַלץ שטיינער
אויף וועלכע ס׳איז געבליבן אַ שטיקל לבנה.

כ׳האָב געזען שטיינער פרעמד ווערן,
זיך אַרײַנפלעכטן אין גאָרנס.

כ׳האָב געזען שטיינער אויסגעשיילטע פון זייערע הויטן
לייגן זיך שווער אויף מײַן האַרץ.

שטיינער האָבן פאַרשטעלט דעם הימל
און דאָס וואָס כ׳האָב אין אים געזוכט.

כ׳גריזשע, נאָך אַלץ שטיינער מיט לבנה —
צו געפינען זיך אַליין.

*

שטערן אויף שטיינער,
שטיינער צוגעבונדענע צו שטערן.
און אַז שטערן וועלן מער ניט זינגען —
וואָס וועט בלײַבן פון שטיינער?
וואָס וועט בלײַבן
פון מײַן גאַנצן אַרומשמײַען טאָג און נאַכט;
אויסבעטן לידער פאַר אַ וועג;
צושטעלן אַן אויער צו דער אייביקייט;
וואָס וועט בלײַבן
פונעם הויפן שטיינער
וואָס מ׳רופט „היים"
אָן איין שטערן
וואָס זאָל זיי אָנוואַרעמען?

שורות

שטייניקע וועגן.
אידיליעס
אַפילו ניטאָ אין פּאַפּיר.
הער מײַן פּאָרן מיט קייטן
פון שורה צו שורה.
הער מײַן אויסגיין פּאַמעלעך
פון שורה צו שורה
ביזן לעצטן טראָפּן פון טינט,
לעצטן
אות.

שטורעם

מיט אַ סך שווײַגן נעם איך אַרום מײַן וואָרט.
כ׳וויל עס באַהאַלטן אין זיך, אינעווייניק,
אָן פּענצטער, אָבער מיט ליכטער וואָס מ׳קאָן אָנצינדן,
אָפּפאַרבן גרין, בלאָ, לבנהש — ווען מ׳וויל.

און אויך אָן טירן. נאָר וואָס טירן
דורך וועלכע ס׳גייען אַרײַן צוגווינטן, קלאָגווינטן
וואָס צעשטורעמען? נאָר וואָס צעשטורעמען?
מ׳מוז האַלטן דעם גאַנצן מבול
אין זיך.

אײַז

דער מכשף

דער גרויסער מכשף
ברענט הינטער מיר די טריט
יעדן טאָג ווען די זון פֿאַרגייט.
איך וואַרף אים צו מײַן טרער,
ווערט אַ ים,
נאָר ער טרינקט אים אויס.
איך וואַרף אים צו מײַן האַרץ —
וואַקסט אויס אַ באַרג ביז צום הימל.
נאָר ער בויערט אים דורך.
איך וואַרף אים צו מײַן זכּרון
און — אַ טײַגע
וויקלט מיך ווידער אַרום
פֿון האָריזאָנט צו האָריזאָנט.

דער מכשף הינטער מיר.

צוריק

כ׳וועל אַרויסרײַסן פֿון זיך די זון, די שטערן,
אַלע הימלען צו וועלכע כ׳האָב געדינט, וואָס האָבן מיך בלינד געמאַכט;
כ׳וועל אויסטאָן פֿון זיך די שטיבער, שויבן, קוואַלן
וואָס האָבן מיט מיר געלעבט, וואָס זענען געשלאָפֿן אין מײַן וואָרט;
צעפֿלעכטן וועל איך די בלומען, די גראָזן אַרויסוואָרצלען פֿון מײַן אויג;
פֿייגל, פֿלאַטערלער, פֿאַרבן — אַלע אָפּמעקן.
צו ליכטיק געווען מײַן אַרומשפּרײַזן מיט אייגענעם שאָטן,
מײַן האַלדזן זיך מיט אייגענע שטיינער אין אָוונטגאָלד,
צו האָפֿערדיק מײַן אָטעמען יעדן טאָג מיטן זעלבן וועג.
אָפּבלעטערן וועל איך זיך און אַראָפּדרינגען ווידער צום אײַז
וואָס גליווערט אויפֿן דנאָ פֿון מײַן בלוט, צו דעם פֿאַנצער פֿון שווײַגן.
אין דער נאַכט וועל איך אָנקלאַפּן און אַרויסקומען וועט מײַן פּנים פֿון נאַכט,
דאָס עלטסטע פּנים פֿון דער וועלט. אײַנשלינגען וועט מיך ווידער די טײַגע
און טײַגע וועט וווינען אין מיר. אָן אויגן
וועל איך זען אַלץ וואָס מײַן אויג האָט פֿריִער פֿאַרדעקט.
נאַקעט כ׳וועל ווידער זײַן. אויפֿגעשפּיזט ביז צו וואָרצלען פֿון האָר.
אָן פּיס וועל איך ווידער דערגיין צו דעם אָנהייב פֿון גאַנג.
כ׳וועל ווידער שטיין אין איין קרײַז מיט די שאָטנס פֿון בראַטסק,
פֿון אַנגאַראַ דעם טײַך וועל איך שעפּן די אימה.
מיט בערגעלסאָן, מיטן נסתּר אונטער אַ קאַנעץ פֿון בלוט
און מיט טויזנטער דאָרט קאָפּ־אויף־קאָפּ אין דער הייל פֿון מכשף.
האָפּשטיין וועט געבן מיר זײַן האַנט אין זאַווי
נאָר איך וועל זי ווידער פֿאַרלירן. לענאַ אין פֿלאַם.
וואָרקוטע בײַם ראַנד פֿון שגעון. סיביר
אויסגעשפּרייט מיט פֿליגל פֿון שטאָל איבער ליד.
ס׳וועט ניט זײַן קיין אַנטלויפֿן.

ליר

צום אָנדענק פון ש. מיכאָעלס ז״ל

דאָ שטייסטו ווידער. ווו ס׳שלינגט איַין דער וואַלד.
אָן פּיס. פּנים־אל־פּנים מיט די קראָען,
וואָס האָבן העק שטאָט שנאָבלען, שטאָל שטאָט קלאָען,
וואָס גרינע שׂינאה זיי פון אויגן קוואַלט.

דאָ העלפט ניט מאַסקע מער אַפילו, וואָס באַהאַלט
דיַין גרויסן פּחד אונטער איר שגעון.
אָן פּיס. געקלאַמערט צו די לעצטע שעהען,
און מיט אַ מאָל — ווי דער זכּרון אַלט —

אַ קליינער ייִד, פאַרגילגולט אין אַ קעניג ליר, פאַרטראָגן,
מיט פיבערדיקע אויגן אין עק וועלט.
ביימער האָבן הויך דיך אַרומגעשטעלט

מיט שפּיצרוטן, באַלד וועלן זיי דיך יאָגן
פון ס׳ניַי: אָן פּיס,
ווי אַלץ מיט טריפנדיקן כּתב פאַרשריבן ס׳איז.

פּאַפּיר

א

פּחד פאַר ווײַסן פּאַפּיר —
כ׳לויף דורך דער טונדרע.
אותיות רינגלען אַרום מיך
ווי וועלף.
וויפל דאָ נאָך צום כותאַר,
וויפל דאָ נאָך צום וואָרט
וואָס זאָל קאָנען מיך אָנוואַרעמען,
צו ווען כ׳זאָל קאָנען זיך צוטוליען
שטיל
מיט אַ פּנים פון טויט?

ב

כ׳גיי צוריק צו מײַן שווײַגן;
נעם אין זיך אַרײַן ווידער דאָס אײַז;
לאָז דעם אָטעם ווידער פאַרפראָרן ווערן אין מיר
אינעווייניק,
אין איינעם מיט דער זון
וואָס האָט אויף אַ רגע געבלענדט.
כ׳גיי צוריק צו מײַן שווײַגן,
ריגל זיך ווידער אָפּ,
דריי זיך אַראָפּ נידעריק
טיף, טיף,
ביז צום שטילסטן אות.

ג

פּאַפּיר, נאַקעט פּאַפּיר —
כ׳האָב עס הײַנט געזען בלאָ ווערן,
כ׳האָב עס הײַנט געזען ווערן אײַז,

אײַנגעהילט אין דער גלאָזיקער װיװגע
פון נאָװאָ־סיבירסק;
זקנות מיט גראָ־בלאָע האָר
געשטאַנען און פאַרשריבן קינות אויפן גלאָז,
פאַרקריצט האָפענונגען,
ביז אויף די פינגער בײַ זיי געװאָרן בלאָ;
דורך שמאָלע שפּאַרעס
האָבן זיי אויפגעזעצט אות נאָך אות
אויפן װינט,
זיי אָפּגעשיקט מיט די אויגן;
זקנות פון נאָװאָ־סיבירסק.
גלאָזיקע װיװגע.
נאַקעט פּאַפּיר
צו אַ שטומער װעלט.

צוויי בילדער

א

מ׳האָט אים אויפגעהאַנגען.
אַ גאַנצן טאָג האָט זיך זײַן גוף
געוויגט איבערן שניי.
אַ גאַנצן טאָג זענען אויף אונדזער האַרץ
אַראָפּגעפאַלן קראָען.
בײַ נאַכט האָט מען אַ קינדל
אָנגעצונדן אין באַראַק,
האָט מען דאָס פּנים אײַנגעגראָבן אין די ווענט
אויף ניט צו זען די שאָטנס
אויסוויגן
געהאַנגענע,
געהאַנגענע
אין ווײַסער פרעמד.

ב

די וואַנט
אין וועלכער מ׳קלאַפּט אָן מיטן קאָפּ —
ענטפערט ניט;
שפּאַלט ניט אַ וועג צום ליכט,
צו דער זון;
בלײַבט וואַנט אפשר מערער,
האַרטער;
בלײַבט וואַנט אפשר טיפער,
דאָס מאָל
אַפילו מיט וואָרצלען
אין האַרץ.

צו די איבערגעצײַטיקטע

די איבערגעצײַטיקטע.
די אַרויסגעוואָרפענע פון זייער צײַט
אין איינעם מיט זייערע חלומות
מיט זייערע צו קורצע פליגל —
ערגעץ ליגט נאָך זייער שאָטן
און פרווט כאַפּן אָטעם;
ערגעץ ראַנגלט זיך נאָך אַ זייגער
מיט זייערע ווײַזערס
און מיינט ווײַזן אַ ציפער,
אַ שטערן
וואָס נאָך געבליבן גאַנץ.
אָנגעטאָן אין די צו קורצע פליגל
פרווון זיי פליִען,
אָניאָגן,
נאָר בלײַבן הענגען
אין מיטן וועג.

*

טונקעלע אַזוי — מיט אונדזערע קליינע הענט,
מיט די פחדים וואָס ווערן אַלץ גרעסער,
מיט דער וואַנט
אויף וועלכער מיר קלעטערן
ווילן זיך דערשלאָגן צום ליכט.
און אפשר וועט זיך ניט ענדיקן קיין מאָל די וואַנט?
אפשר וועלן די הענט מער ניט סטײַען?
אפשר איז גאָר בײַם סוף פונעם קלעטערן
קיין ליכט
אין גאַנצן
ניטאָ?

בריוו

א

ב׳שלינג בריוו קליינע
אָנגעפּיקעוועטע מיט פייגל.
ערגעץ ווו האָבן זיי מאַמעס,
אײַנגעקוטעטע אין אײַז,
אויפגעקליבן און אַרײַנגעזעצט אין פּאַפּיר.
כ׳בעט אויס יעדע נאַכט
מײַן געלעגער מיט טרעלן
וואָס קיין איין וויגע
האָט ניט באַוויזן אַרויסצורײַסן.
יעדן טאָג וואַנד איך זיך
צו די טונקעלע בערג פון מײַן זכּרון.
זע, ווי זיי ווערן
אָנגעדראָלן מיט ליכט.
פייגל פלאַטערן אין דעם ליכט,
בריוו זינגען.
כ׳ווער אויך הײַנט
אַזאַ קליינער, זינגענדיקער
בריוו פון פייגל.

ב

אונטערשטעלן דעם הימל.
אונטערשטעלן אַן אָפּן האַרץ
צו די בריוו וואָס קומען אָן,
צו די פייגל וואָס וואַרקען אין זיי,
לאמור, אַזוי צו זאָגן: קריזעס אײַז
האָבן מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו בליִען מיט ווערטער.
אַ שטראַל פון זון האָט אויפגעשניטן די טײַגע;
און מיט אַ מאָל האָבן זיך אָנגעהויבן אויפסיליען אויפן שטראַל

פייגל, בלייכע פּנימער, האָפענונגען;
ווײַסע שליטנס האָבן זיך אײַנגעשפּאַנט אין די טײַכן
לענאַ, יעניסיי און אוב
און זיי גענומען פאַרקירעווען אויף צוריק.
לאמור: זילבערנע גלעקלעך
אָפּגעריסענע פונעם דיעד מאָראָז
האָבן מיט אַ מאָל אָנגעגאָסן די אויגן מיט ליכט.
ליכט אויף די לאַווקעס און שויבן פון נאָוואָ־סיבירסק,
ליכט איבער די כוטאָרס און לאַגערן,
קליינע מאַמעס זויגן אין זיך אײַן דאָס ליכט
און שיקן עס אַוועק טשאַטעסווײַז.
יעדן טאָג — נײַע פייגל פון נאָוואָ־סיבירסק.
יעדן טאָג נײַע בריוו.
קיין מאָל זענען ווערטער
אַזוי יונג ניט געווען.

ג

זיי זענען געקומען
טויב נאָך טויב
בריוו נאָך בריוו.

אַ גרויס האַרץ
אויפגעשניטן ווי אַ רויז
האָט געטריבן פאַר זיך
וועלדער,
קרײַעס אײַז,
נעמען,
ירושלים, חנוכּה, שניי,
דער כּותל־המערבי
באַדעקט מיט בריוו
פון נאָוואָ־סיבירסק.

אין שלײַפֿן דעם דימענט

שלײַף איך די דימענטן בלאָ. אויך דו ביסט אין דימענט.
איך שלײַף זיך דורך פֿלאַכן און פּריזמעס, דורך גלעזערנע ווענט,
צו דיר אין סיבירישער טורמע. ביסט פֿאַרמויערט און פֿאַרשפּונען
אין ווינטישן ווילדן געהײַל, אין וויוגישן בלאָען געבלענד.

שלײַף איך די דימענטן גרין. דײַן־דײַן ווי אַ פּאָדעם
שווימט אויף דאָרט דער שאָטן פֿון וואַלד, פֿון פֿאַרנאַכטיקן טײַך.
די איזבע ליגט ערגעץ פֿאַרשאָטן. ווען זוך איך נאָך דאָ דען?
באַלד אויפֿגיין וועט גרין אין לבֿנה דאָס וועלפֿישע שטילע געשלײַך.

און פֿאַרגליווערן דיך אין דײַן אָטעם. דו קאָנסט מער ניט לויפֿן,
און דאָך לויפֿסטו בלינד אַרום זיך, אין פֿאַרפּישופֿטן קרײַז,
צי שלײַף איך דעם דימענט איצט רויט? זײַנע ווענט זענען אַלע דאָך רויטע,
אויך לבֿנה און טײַך זענען רויט. אויך פֿון ביימער דער שטומער געשפּרײַז.

און ווידער ביסט אײנער אַליין. די וועלט איז טיף און פֿאַרנעפּלט.
בלויז צווײַג־פֿינגער שפּיצן אַרויס זיך פֿון תּהום ווי אין הינערשן פֿלעט.
דײַנע האָר זענען שוואַרצע געוואָרן? ניין — געוואָרן זענען זיי וויאָלעטע,
און אויך דימענט וואָס כ׳שלײַף מיט מײַן אָטעם איז איצט וויאָלעט.

איך שלײַף אים און שלײַף אים אָן אויפֿהער. איך שלײַף אים פֿאַרכליניעט.
איך שלײַף אים מיט בלוט אויף די ליפּן, מיט בלוט אויף די הענט.
פֿאַרשיכּורט איך בין דאָ פֿון זון. דו ביסט אַלץ נאָך פֿאַרפֿרוירן אין דימענט,
העט ווײַט, הינטער אײַזגראָער טײַגע, אין וויוגישן בלאָען געבלענד.

צײַט און שוואַרצאַפּל

אין בית־אל

די איילבערטן בײַ די זײַטן וועג
מאַכן מיך טרויעריק:
זיי וואַקסן, וואַקסן
אָבער קיין מלך וועט מען ניט זאַלבן מיט זיי.

די שטיינער דאָ —
וואָלט מען זיי קאָנען אַרויסרײַסן,
וואָלטן זיי ניט ליגן אַזוי שווער
אויפֿן האַרץ.

דערנער —
מײַלנווײַט:
ביז אין פּינטל פֿון ליד.
ביז אין שוואַרצאַפּל.

אין חברון

א

לויפן אונדז נאָך די ירידן. פֿאַרביטן
דער חלום אויף אין־סוף פֿון וואָר.
וואַקסט גראָקייט אַרײַן אַלץ מער אין די האָר
און וואָגשאָלן טריפֿן אונדז סם אויף די ליפּן.

ווידער אין קאַלך־אויוון. פּענטעס אַ פּאָר
ווי שטיינערנע נעגל אין האַרץ אײַנגעשניטן.
דו דרייסט זיך אַרום צווישן שטיינער צעגליטע
פֿון שׂינאה. אין־סוף פֿון וואָר.

און שופֿר ניטאָ. וואָלטן אפֿשר דורך אים
ווייכער ווערן די שטיינער. דערלאָזן
אַ שמייכל זאָל זיך אויף ליפּן צעבלאָזן,
אַ וואָרט זאָל פֿאַרבײַטן גראָקייט אויף גרין.

ב

אין חברון הער איך:
אַברהם אָבינו
וויינט אין זײַן מערה־המכפּלה.

אים איז גוט.
ער האָט זײַן מכפּלה,
ער האָט אייביקע זײַנע פֿיר איילן.
נאָר ווען איך וויין —
איז אַלץ אַזוי נאַקעט, בלויז.

און קיין גאָט איז מער ניטאָ אין מײַן הויז.

ג

מעשׂיות פון חומש פֿאַרשטעלן ניט.
עפֿרון החיתּי שטייט אין מיטן יריד און פֿאַרקויפֿט גאַל.
טראַכאָמע קינדער גנבֿענען אַוועק דעם שאָטן.
די זון, וואָס אַרויס פֿון איר פֿוטערפֿאַס,
איז הײַנט כּולו שטויב.

מעשׂיות פון חומש פֿאַרשטעלן ניט.
אָרעמקייט עסט דאָ אויס לעבער און ווענט
שטופּלען אין באַקן.
אין קאַפּיינעס שפּינט מען אויס ליידיקייט
וואָס איז קלעפּיק־בלינד
און שדים שפּרינגען אין איר אַרום.

מעשׂיות פון חומש פֿאַרשטעלן ניט.
קעמלען וויגן אַוועק איין טאָג און נאָך אַ טאָג.
פֿאַטאַ־מאָרגאַנאַס רײַטן מיט געצוקטער שווערד
צו די אין־סופֿן. ווינט בלאָזט.
שאַקאַלן וואָיען צונויף די נאַכט.
שמאָלע געסלעך עסן זיך אויף פֿאַר שׂינאה.
גייען אויס.

תל-פול *

פאַרלוירן כ׳בין
דאָ
אין דער הייך.

דאָ האָט שאול
געקיניגט.
דאָ האָט דוד
געשפּילט אין זײַנע אויערן
אויף דער פלייט
פון ווינט.

זינט דעמלט
זענען נײַע לידער
ניט געוואַקסן.

דאָס גראָז
איז גראָ געוואָרן
מיט דער צײַט.

אין דער הייך
הוליעט ווײַטער
נאָר דער ווינט
פאַרשײַט.

* גבעת שאול — תל-פול אויף אַראַביש.

קטורה

בײַם װיגל פֿון אַלע אָנהייבן,
װוּ שטײנער ראַנגלען זיך
צו װערן אַ װאָרט,
װוּ שטױבן דרייען זיך
צו דערגרייכן אַ קלאַנג,
װוּ אַ דין גרעזל
אױסגעפּיקט פֿון דער ערד,
װעט אפֿשר װערן אַ מאָל אַ בױם,
װעט אפֿשר טראָגן אױף זיך אַ מאָל
די װעלט.

*

מעלאָנען זױגן זײער זיסקייט
פֿון די בלאָע פֿאַרטאָגן.

יעדער מעלאָן פֿעדערט זיך,
װיל װערן אַ זון.

מיר װעלן עסן מעלאָנען
און האָבן זון אין זיך.

האָבן זון אין זיך,
אױפֿבױען הײַזקעס
געלע און ראָזע
פֿאַר קינדער און קינדס־קינדער.

יעדן פֿאַרטאָג װעלן מיר אַרױסגײן אין פֿעלד,
זױגן די זיסקייט,
זױגן די שטילקייט אַרום.

ע י

א

עי אויפֿן וועג קיין בית־אל.
די שטיינער — פֿול מיט זכּרון.
זיכער געדענקען זיי נאָך
אַזאַ ווײַניק־רויטן פֿאַרנאַכט
ווי דעם הײַנטיקן.
איך, מיטן טלומיק אין האַנט,
מיטן בײַ־נאָמען י ע ק ב,
שטיי און ווייס ניט וווהין.
וואַרט און ווייס ניט אויף וואָס.

ב

שפּראַך פֿון די שטיינער:
קרײַזן פֿון שטומקייט,
איינער אין צווייטן,
איינער קלענער פֿון צווייטן,
טיפֿער און טיפֿער,
ביז צו דעם שטאַמל,
ביז צום אָנהייב
פֿון גאָט.

ג

אין ווײַניק־רויטן פֿאַרנאַכט
גייט אַרום שיכּור אַ ניגון
נעמט צונויף שטיינער,
גיסט זיי צונויף אין איין שטיין.

ד

דערנאָך קומט דער לייטער
און ער איז פון גראָזן.
מלאכים גייען אַרויף און אַראָפּ
און זיי נעמען דיך מיט.
פליגל וואַקסן אין דיר,
נאָר דו פילסט ווי זיי פּענטען.
אַרויסרײַסן ווילסטו בגוואַלד
זיך פון זיך.
אַרויסרײַסן ווילסטו אַלע מלאכים
מיט לייטער וואָס שטיקט דיך.
ווילסט שרײַען —
נאָר ס׳דערגייט ניט קיין וואָרט.

ה

עי, אויפן וועג קיין בית־אל.
מיט אייזלשן טראָט
באַרג־אַרויף צו די דערנער;
צו דער זון וואָס ווערט הייסער און הייסער;
צו די חורבות,
וווּ ס׳האָט געוווינט אַ מאָל
גאָט.

קיין שומרון

א

בערג פון שומרון —
ווי אײַך אויסטראָגן
אין דער לענג, אין דער ברייט,
אין אײַער גאַנצער הייך —
אַז שווער מיר אַפילו דער טאָג
אין וועלכן מ׳האָט אײַך — ווידער —
אין מיר אַרײַנגעשטעלט.
ווי אײַך ווידער צודעקן
מיט דער וואַרעמקייט פון אַ חומש־מעשׂהלע —
אַז פון אַלע סקאַלעס
וואַקסן פון אײַך אַרויס ווילד־געוויקסן,
און פון אַלע אײַערע שפּאַלטן
קוקט אָפּער די שׂינאה צו מיר
מיט אַ נאַקעט
אויג ?

ב

קוואַלן אין אײַך —
פולע פאַר מיר מיט גאַל.
הײַזקעס אײַערע
פולע מיט סאָוועס.

קליינע אייזעלעך אויף סטעזשקעס —
אָן משיח.
און מײַן משיח
האָט דאָך ווידער פאַר מיר אַלע זונען
אויסגעשיײַערט ;

מײַן משיח האָט דאָך ווידער
אויפגעלאָדן אויף מיר
אַלע זײַנע
פיר טויזנט
יונגע
יאָר.

קיין עפרה

דער וועג קיין עפרה פירט דורך דפים חומש,
פירט מיט דראָבנע טריט פון אייזעלער
פאַרזונקענע אין שטילקייט;
פירט דורך שקיעה־גאָלד
און בלאָע נעפּלען.
עמעץ זאָגט מיר אונטער אַלטע ווערטער,
עמעץ וויקלט מיך צוריק ביז צו אַ ניגון
עמעץ שטייט און מישט
די צייַט אין מייַן שוואַרצאַפּל.

דער וועג קיין עפרה פירט דורך דפים חומש.
און אַז כ׳דערקען זיך ניט
איז דאָס דערפאַר
וואָס כ׳לייג ניט מער קיין שטיינער
מיר צוקאָפּנס;
וואָס כ׳טראָג ניט מער קיין כּתונת־פּסים אויפן לייַב.
וואָס דער קוואַל
אין וועלכן כ׳שפּיגל זיך אָפּ
האָט הייַנט דאָס פּנים
פון אַ פרעמדן.

חמרה

די בוגאָנווויליעס,
די פּוענציאַנעס
און אַלע אַנדערע געוויקסן
וואָס וויקלען אײַן חמרה
קאָנען ניט פֿאַרלעשן דעם קאָליר
פֿון זאַמד, דעם קאָליר
פֿון טויט;
דעם אַראַבער וואָס זויגט די נאַרגילע
בײַ דער זײַט פֿון שליאַך;
די שלאַנג וואָס פּויזעט פּאַמעלעך
צום האַרצן.
און מײַן קליין, צעקנייטשט פּנים
וואָס שפּיגלט זיך אָפּ
אין די וואַסערן פֿון עין פּערה —
זעט זיך: אור־אַלט.

בית־שאן

אין דער קאַפּיינע „Chez Prosper". זעקס טויזנט יאָר
געוואָרט האָט בית־שאן מיך איינצושלינגען אין איר מאָפע,
מיך אין אַ גרינער שטייג פון אַראַק צו פאַרקלאַפּן
כּדי כ׳זאָל פּלוצעם פילן אַז איך בין אַ פּאָר

צו פּרעה סעטי, אַז כ׳געוועלטיק גאָר
איבער אַ שטאָט־מיט־דערנער־אין־שוואַרצאַפּל,
כ׳טרינק אַראַק, ניט מײַן אָטעם אָפּצוכאַפּן,
נאָר אויפצוהענגען אויף איר שילד, אַז וואָר

איז אַלץ: די דערנער און די שטויבן,
אַז איך און סעטי טוען מיר זיך הוידען
אַרויף־אַראָפּ אין דער קאַפּיינע „Chez Prosper"

ווי ברידער צוויי פאַרקניפּטע דורך איין כּוסע,
בשעת די זון שיכּורט אַרום אין דרויסן
און ברענט אויס אין איר אייגן האַרץ אַ טרער.

שאול המלך

א

פון שטיינער רוף איך דיך אַרויס —
ווי דו דײַן בעלת־אוב.

אויף צווײַגן קלעטער איך —
אפשר וועל איך געפינען דאָרט דײַן פײַפל.
אין שמאָלע געסלעך
קלײַב איך אויף די טראָפּנס זון
צונויפצושטעלן פון דאָס נײַ
דײַן פֿאַרבלוטיקטן קאָפּ,
ברענגען אים צו קבורה
אין מײַן האַרץ.

ב

מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ צײַטיקער אין מיר
דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ פון שאול המלך,
ווי מ׳האָט אים אויפגעשפּיזט
אויף די מויערן פון בית־שאן;
ווי דער מחבר פון תּנ״ך
האָט אים אַרײַנגעוואָרפן בלינד
אין דער אייביקייט.

אַלע שטיינער האָבן דעמלט געוויינט.
זיי וויינען נאָך הײַנט אין מיר
מיט טרערן וואָס זענען אַ מאָל געווען הייס
און הײַנט זענען זיי שווער,
זשאַווער,
און האָבן דעם טעם פון בלוט.

מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ צײַטיקער אין מיר
דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ פון שאול המלך,
טרויעריקער.
מיט יעדן טאָג ווער איך אַלץ מער געגליכן
צו אים.

יפו

א

דער יפוער מויער מיט זײַן גרינעם מאָך,
ווי די לוסטרינענע קאַפּאָטע פון זיידן,
ווען ער פלעגט צו דער לבנה אויף פולער וואָך
זײַן ווײַסן שפּיץ באָרד דערהייבן.

אויך די יפוער ליקלעך מיט זייער הין־און־הער,
מיט די לאַסט־טרעגער און האַנדל־וואַנדל —
דערמאָנען אָן זיידן, ווי ער סאָפּעט שווער
אונטער עמערס פולע ביז ראַנדן.

אַ שואב־מים געווען. נאָר אין קלויז
פלעגט יעדער שטיין און גאַפן:
ווי ער וועקט זיך אויף, ווי ער גלײַכט זיך אויס!

...אַ שטאָט פון גילגולים, יפו.

ב

בײַ נאַכט גייען אויף די סירענעס פון ים
און ס׳גרינען די ברעגעס פון יפו.
שטערן מיט פאַרבאָרגענעם פלאַם
האָבן דאָ אַ שטאָט זיך באַשאַפן.

דער שפּיציקער טורעם פון חסן־בעק —
אַ ווענטקע צום וואָרף דערהויבן;
קוים שווימט די לבנהשע לאָדקע אַוועק
טוען כוואַליעס זייער ברוסט צעהוידען.

אויף יעדער כוואַליע אַ סירענע רײַט,
געלעכטער רופט אָפּ זיך פון סקאַלעס.
דער טורעם פון חסן־בעק חצותיק שרײַט
נאָך די אַנטרונענע כּלות.

אין עכּו

פֿאַר יהודה און מרגלית

א

קום מיט מיר קיין עכּו.
לאָז זען די וועלט פֿאַרקערט
אַרויפֿקוקן צו דיר
מיט פֿיש־אויגן פֿון צײַטן.
לאָז זי, פֿאַרטיפֿט אין זיך,
מיט שמייכלען צו דיר טײַטן.

ב

ווען אַשרף חליל
האָט אײַנגענומען עכּו,
האָבן זיך די מאָנאַשקעס
אָפּגעשניטן די נעזער
כּדי ניט אַרײַנצופֿאַלן
אין די הענט פֿון די טמאים —
איז דאָס געווען גלאָריע.
דאָס איז געווען די היסטאָריע.

ווען נאַפּאָלעאָן איז דערגאַנגען קיין עכּו
האָט ער צו ערשט צעשיקט זײַנע ווײַסע טויבן
אײַנצונעמען דעם הימל,
שפּעטער — זײַנע זעלנער
אײַנצונעמען די ערד.
דערנאָך איז ער געשטאַנען אויפֿן בערגל
— וואָס האָט געזאָלט טראָגן זײַן נאָמען —
מיט דער האַנט אין לאַץ,
מיט איין פֿוס פֿאָרויס,
געקוקט ווי די טויבן קומען ניט צוריק,

ווי די זעלנער קומען ניט צוריק.
און דאָס איז געווען די גלאָריע.
דאָס איז געווען די היסטאָריע.

ג

עכּו — די שאָטן־שטאָט.
וואָס מער דו גראָבסט אַרויס —
אַלץ מער גראָבסט זיך אין איר אַרײַן.
דו קריגסט טויזנט קולות,
פאַרבײַטסט אויף אַ פאַקל די זון;
דו טוסט זיך אָן אין אַ פּאַנצער פון שטויב
און ווערסט דער ריטער פון
ראָזאַלינדעס,
קוניגונדעס,
בלאָ־אויגיקע
מיט בלאָנדע צעפּ.
דו רײַטסט מיט אויסגעשטרעקטער פּיקע
און שטעכסט אויף אַלע סלופּעס
וואָס שטייען דיר אין וועג.
דו קניסט בלויז־קעפּיק,
ווײַס־העמדיק;
דו האָסט אַ ווײַס פּנים,
אַ רויט פּנים —
פּורפּור אויף דיר.
דו הייסט ווילי־באַלד, טאַנקרעד.
מ׳קרוינט דיך,
מ׳פאַרשטיינט דיך;
דו לאַכסט
און טויזנט שאָטנס
לאַכן מיט.

ד

די שמאָלע געסלעך פון עכּו
דערמאָנען אָן חיים פרחין,
דעם ייִדן מיט די אָפּגעשניטענע אויערן,
און אָן זײַן גרויסן, זײַדענעם טורבאַן,
וואָס האָט די אָפּגעשניטענע אויערן
פאַרשטעלן ניט געקאָנט.

יעדער מאָל ווען ער פלעגט אויפהייבן די אויגן צום הימל —
האָט ער זיי געזען.

יעדן טאָג ווען ער פלעגט פאַרקעמען די פאות
און די ווײַס־געוואָרענע באָרד —
האָט ער זיי געזען.

זיי זענען געווען אין זײַן קרעכץ,
אין זײַנע ביז ווונד געביסענע ליפּן.

ווי אַ פלעדערמויז פלעגט ער אַרומפלאַטערן אַרום זיך,
געמיינט זיי צו כאַפּן
אין יעדן שפּאַלט.

ה

רויטער חלום פון ג'זאַר פאַשאַ:
אויפשטעלן מעטשעטן צום הימל,
אַרויפזעצן אויפן ים אַ מויער,
אָפּשנײַדן דעם ייִדן פרחי
ביידע אויערן
ער זאָל ניט הערן
ווי די וועלט לאַכט,

שמײַסט אויס, אים,
דעם קצב פון עכּו.

ו
לאַנגע טישן בײַ „אַבו כריסטי״.
פערציק גזלנים
שפּילן אין „שש־בש״;
זענען מקריב דעם לוויתן
וואַרפן מיט אויגן אויס נעצן
אויף צו כאַפּן דאָס שיפל קאָנטראַ־באַנד
וואָס שקיעה האָט אַרויפגעזעצט
אויף דער פּלייצע
פון מיטלענדישן ים.

גאָלד־געליישטע זײַלן
פאַרשטעלן שעהערעזאַדעס
מיט הויכע בריסט.
די מויערן פון עכּו
האָבן די זעלבע סודות
וואָס זיי האָבן געהאַט מיט טויזנט,
מיט פיר טויזנט יאָר צוריק.

די פערציק גזלנים ווייסן ניט.
זיי שלינגען אײַן דעם לוויתן,
שלינגען אײַן די שקיעה,
כאַפּן דאָס שיפל קאָנטראַ־באַנד
און דעם קליינעם עלי־באַבאַ
וואָס פאַר צו פיל שטוינען
האָט ער פאַרגעסן צו זאָגן:
„סעזאַם עפן זיך״.

שטיינער

אָפּגילטן די שטיינער,
אַרײַנפּלעכטן צווישן זיי בלומען,
אויסלעקן זייערע ווונדן
וואָס געבליבן פון אַלע משיחים;
טרעטן אויף זיי פּריַ,
מיט אַ הויכן טראָט,
און הערן אין זיי דעם אָפּקלאַנג
פון טאַטעס, זיידעס און אור־זיידעס
וואָס שפּאַנען ווי איך
הויכע, פּליעסקען מיט הענט,
קנאַקן צו מיט פינגער אין טאַנץ;
זאָגן מײַן טאַטן וואָס קוקט מיר
אַריבער דער פּלייצע:
זע, ניט אין ווינאָזש דו ביסט,
אין אוקראַאינע,
נאָר דאָ,
צווישן שטיינער וואָס הייבן אָן
בליִען מיט ליכט.
זע, טאַטע,
דו ביסט דאָס ליכט!

טעבאַסטיאַ

א

אױפגעריסן דעד קרײַז.
איצט גייען מיר אַלע אין שורות
פּאַרויס
מ׳יטן קאָפּ
איבער הימלען.
ניכטער בלויז דער
וואָס בלײַבט שטיין.
קיין צוריק
דאָך סײַ ווי ניטאָ.

מיזמור סעבאַסטיאַ.

ב

מיר צעשפּאַרן די וועלט.
מיר נעמען פון איר אַרויס אַ וואַנט
און רופן איר אָן: סעבאַסטיאַ.
מיר באַהענגען סעבאַסטיאַ
מיט אַלע פייגל
וואָס זענען געוואָקסן
בײַ אונדז אין האַרץ;
מ׳יר צעטאַנצן אַרום איר בערג,
ביימער
און רופן:
דאָס זענען די פוסטריט פון משיח!
קליין זענען מיר,
שטעלן מיר זיך אַרויף
איינער אויפן צווייטן;
אָרעם זענען מיר —

ניצעווען מיר איבער די זון,
מאַכן זי נײַ.
מיר זאָגן:
מיר זענען בלאָ.
און מיר זענען בלאָ.

ג

בלאָע קוקן אַרויס די בלומען.
משיחישע בלומען.
משיח האָט פאַר צײַטן
פאַרגאָסן זיי אין חצות.
מיט אים און צו אים —
יעדער ייִד אין זײַן אַלקער.
אַזעלכע בלומען וואַקסן אַרויס
בלויז פון בענקשאַפט.
וואַקסן אין צפת,
אין פּאָרן
וווּ מײַן טאָכטער וווינט
פּאַזע מידבר און שליאַר;
איצט, זאָגט מען,
וואַקסן זיי
אויך אין סעבאַסטיאַ.

ד

כ'נעם צונויף די שטיינער פון סעבאַסטיאַ,
טו זיי אָן ווידער אין בלומען;
קלעב זיי צונויף מיט תּפילות
פון איין משיח וואָס איז ניט געקומען,
פון אַלע משיחים וואָס זענען ניט געקומען;
בוי פון זיי אויף טורעמס
און רוף זיי אָן: „טורעם פון האָפענונג",

טוריעם פון „עוז"
און „תפארת" ;
דרײַ מאָל אין טאָג
בלעטער איך איבער די וועלט
און זוך אויס דעם שענסטן ניגון
מיט וועלכע איך זאָל קאָנען באַצירן
די שטיינער.
האַלדזן כ'וועל שטיינער ;
כ'וועל זינגען מיט אַלע זינגענדיקע ווענט :
מיזמור סעבאַסטיאַ.

ה
גיין קיין סעבאַסטיאַ !
אײַנשפּאַנען אַלע משיח־פערדלעך,
אָנלאָדן אויף זיי אַלע בענקשאַפטן
מײַנע און פון אַ גאַנצער וועלט.
גיין קיין סעבאַסטיאַ —
כאַטש אַלע שאָטנס,
כאַטש אַלע ווינטן אין וועג.
גיין קיין סעבאַסטיאַ —
אַפילו אָן פיס.
אַפילו וויסן :
צו שפּעט !

אין לאַנד פון אליהו הנביא

יום־כּיפּור 1973

ווינט האָט צונויפגעטריבן אַלע כמאַרעס
און זיי אַרויפגעוואַלגערט שוואַרץ אויף אונדזער קאָפּ.
האָט מען קיין וועג ניט מער געזען.
האָט מען דעם וועג צו זיך ניט מער געפונען.

מבול געשטאַנען פאַר דער טיר. מען האָט געוווּסט:
צו שוואַך דער רעגן־בויגן און צו אָפן
די ווענט. ניטאָ מיט וואָס פאַרשטעלן.
ניטאָ אין וואָס באַהאַלטן זיך. ניטאָ.

און מיט אַ מאָל האָט מען דערפילט ווי מורא
ברענט לעבער אויס אין האַרץ; צעזעגט
דאָס לעצטע ביסל האָפענונג. ליידיקט אויס
מיט גראַבלדיקע, בלינדע הענט דעם מוח. נאַכט.

ערגעץ ווו

ערגעץ ווו ברענען נאָך אַלץ דערפער
וואָס כ׳קען זיי ניט,
אָבער זייער רויך דערגייט
ביז צו די שײַבלעך
פון מײַן מוח.

ערגעץ ווו
שווײַגן נאָך אַלץ
אויגן אויס אַ לאָך
אינעם שטיין
וואָס האָט פאַרחתמעט
מײַן האַרץ.

און קינדער לויפן
באַגלייטע פון רויטע פייגל
אין מיטן נאַכט.

און אָפענע מײַלער
וואָס שרייַען ניט.

און איינזאַמקייט
ווי אין טיפן וואַלד.

קוהלת

א

כ׳לייען קוהלת.
כ׳בין עולה רגל
צו דער פולער לבנה בײַ נאַכט.
ניט חכמה,
נאָר פחד
אַז לבנה וועט ווערן אַלץ קלענער און קלענער.
ניט זילבערנע גאַסן,
נאָר בלעטער וואָס פאַלן פאַרגעלטע
אַלץ מער אין מײַן אויג.

ב

טויטע זענען אין אים געווען.
זיי זענען געפאַלן ווי שטערן.
ער האָט געזען ווי די שטערן אין הימל
ווערן אַלץ ווינציקער.
מיט ווײַסע צען פינגער
האָט ער געפרוּווט פאַרשטעלן די נאַכט —
נאָר זיי זענען צו שוואַך געווען.
גאָרניט געבליבן מער
פאַר די שטערן
חוץ זײַן אייגענעם, נאַקעטן
האַרץ.

ג

טורעמס,
וואָס כ׳שטעל אויף פון ווערטער —
צעפאַלן זיך ווי די טורעמס
וואָס כ׳האָב אויפגעבויט

פון קלעצלעך, קליינערהייט:
רויטע, געלע און גרינע קלעצלעך,
ווערטער געציטערטע
וואָס צעפאַלן זיך
ביַי דעם גרינגסטן
בלאָז.

ד

אַרומרינגלען זיך מיט אָסיען.
זאָגן: געלע בלעטער.
זאָגן: רעגן אין פּנים.
הערן אין זיך די רינוועס:
כליפּ־כליפּ,
ביז צו די שפּיץ־פינגער,
ביז צו דער צופאַלנדיקער
נאַכט.

ה

גרילן צעזעגן מיך יעדע נאַכט.
הינטער דער שלאָפנדיקער טיר
שטייען זיי ווי שדים
אין שוואַרצע שפּענצערלעך.
ווינט בלאָזט.
לבנה
וויַיזט אים דעם וועג דורך אַ שפּאַרע
ביז צו מיַין האַרץ.

ו

אָסיען נעמט מיך אין זיך אַריַין:
כ'בין אַ געל בלאַט
אָפּגעריסן פון מיַינע טעג.

כ׳בין אַ מיד פלאַטערן
הין און קריק
אַרום זון וואָס געווען,
אַרום ווערטער וואָס האָבן געגעבן
אַ האַפּט.
כ׳בין אַ שטום לאַשטשען זיך
צו בלעטער
מידע, געלע
ווי איך.

ז

נעם צונויף אַלע מײַנע ווערטער
די שטילע, טרויעריקע.
בינד זיי צונויף און לייג זיי
אַוועק צופוסנס דעם אָסיען:
אַ קרענצל ווערטער וואָס זענען פאַרוויאַנעט געוואָרן,
ווײַל קיין זון איז מער ניט געווען;
ווײַל שליאַכן געשטאַנען אָפן,
ווײַל ווינט איז געקומען
אין איינעם מיט דער מלחמה,
אין איינעם מיט שוואַרצע רעמלער
אין צײַטונגען —
...און אַלץ פאַרדעקט.

ח

עמעץ לויפט אין מיר אַרום,
קלאַפּט טרעוואָגע,
הענגט אויס שוואַרצע קלאַפּסידרעס אין מײַן אויג.

...און איך האָב אַזוי פיל וואַרעמע הענט
געהאַט אָנגעגרייט אין מיר —

צו גלעטן בלומען,
צו שעפּן ליכט;
איך האָב אַזוי פיל ווינדלען
געהאַט אויסגעשפּונען אין מיר
צו ווינקען,
צו פלאַטערן,
צו קאָנען צודעקן
אַ גאַנצע וועלט.

ט

ניט נאָר קינדער,
אויך טאַטע און מאַמע גייען צו דער עקדה.
שטרעקן די האַנט אויס צום מעסער: ווײ, אַזאַ קינד!
וואָס האָט זייער וועלט מיט זײַן יונגקייט צעגרינט!
נאָר קיין נס ניט געשען.
און איצט ליגן זיי געשאָכטענעביידע.

אָן לבנה

ווערטער ייִדישע,
ווערטער געפּרוּווטע,
ווערטער פֿאַרפּולטע מיט לבנה
און מיט געדעכענישן —
ווי וועל איך קאָנען אויפֿלאָדן אויף אײַך
נאָך איין נאַכט, אַזאַ וואָס ענדיקט זיך ניט,
נאַכט פֿון מלחמה;
נאַכט פֿון פֿאַרשטשעמעטע לאָדנס;
קינדער אין פּראָנט;
בלינד אַרומטאַפּן מיט אַ צעעקבערט האַרץ;
מיט אימה אין מויל.

און קיין לבנה ניטאָ.

טרערן

ווײנער,
און די וואָס קאָנען מער ניט װײנען;
די וואָס נאָך אײן טרער
און ס'וועט זײ פאַרברענט ווערן דאָס האַרץ —
קומט, לאָמיר הײַנט
אויסשווײַגן פאַלנדיקע פײגל;
קומט, לאָמיר הײַנט אין זיך
אַרײַננעמען נידעריק גראָז.
די ווערטער לאָמיר פאַרמאַכן
און אַלץ וואָס האָט דורך זײ
אַרײַנגעשײַנט.

טונקל, טונקל,
מיט די נעגל אײַנגעשטשעמטע
אין פלײש.
לײדיק.
מ'קאָן ניט מער װײנען.
נאָך אײן טרער
און ס'וועט פאַרברענט ווערן
דאָס האַרץ.

אין לאַנד פון אליהו הנביא

לזכר דובי דרור הי״ד

א. צו זיך

צוריקקומען צו זיך,
צו די אַלטמאָדישע ווערטער.
אַרײַנשטעלן ווידער אַ פוס
אין לאַנד פון אליהו הנביא,
ניט דעם פון פײַער־וואָגן
נאָר דעם מיט דער ווײַסער,
זײַדענער באָרד.
זוכן אליהו
אין קרײַז פון אַ נאָפּטלעמפּל;
נאָכגיין אַ סטעננע מיט ליכט
וואָס פירט ווידער צו אַ מעשׂהלע,
צו אַן אוצר אינעם טיפן וואַלד.
אָנטאָן זיך אינעם וואַלד,
אין די שרעטעלעך וואָס אין אים,
אין זײַנע שטילקייטן.
מיט אַלטמאָדישע ווערטער
צוריקקומען צו זיך
דאָרטן וווּ מ׳איז אַ בלום,
דאָרטן וווּ מ׳קאָן זײַן אַ בלום.

צוריקקומען צו זיך יעדער מאָל
באַלאָדן מיט שטערן
נײַע,
אַזעלכע וואָס וואַקסן אין די גרויסע נעכט.

אויסבעטן פון די שטערן

אַלטמאָדיש

אַ וויג ווו מ׳וועט שטענדיק קאָנען אַרייַן

אין איינעם מיט אליהו הנביא.

ניט דעם פון פייַער־וואָגן,

נאָר דעם מיט דער ווייַסער,

זייַדענער באָרד.

ב. יבנה

שפּינען האָבן אַלץ פאַרברענט:
דעם בית־המקדש,
די בלומען אויפן טיש,
די ציטערדיקע שטערן וואָס האָבן געבליט אין האַרץ.

געווען אַ בלינד אַרומטאַפּן אין רויך,
אין טונעלן פון טויט.
קאַלטע יאַשטשערקעס אויפן פּנים.
קאַלטע יאַשטשערקעס האָבן אַרומגעבונדן
הענט און פיס.

...דערנאָך איז געקומען יבנה:
גראָע בערד צוגענאָגלטע צו פאַרמעט,
פאַרמעטענע הימלען.

און ניגון,
ניגון וואָס האָט געדאַרפט פאַרענטפערן
אַלץ.

*

יבנה איז ניט געווען.
יבנה האָט מען געמוזט אויסטראַכטן,
ווי מ׳האָט אויסגעטראַכט די סאָכע,
ווי מ׳האָט אויסגעטראַכט דעם רעגן־בויגן:
קליין־יבנה —
ציטערדיק,
איינגעהאָרכט אין לבנה
און אין תיקון־חצות.
גרויס־יבנה —

רווישנדיק מיט בערד און מיט פּאות,
פֿאַרפּעסטיקט אין הימלען
און פֿאַרמעטן.
בלאָ אַזוי,
פֿול מיט טויבן און האָפֿענונגען.
יונג אַזוי,
פֿול מיט אותיות וואָס בליִען
און ווערן קיין מאָל ניט פֿאַרברענט.

יבנה איז ניט געווען.
יבנה האָט מען געמוזט אויסטראַכטן.
רבן יוחנן בן־זכּאי האָט וועגן יבנה ניט געוווּסט,
איידער נאַכט האָט אין אים אָנגעקלאַפּט,
איידער טויטע האָבן אָנגעהויבן צו וויינען
אין זיַין בלוט,
איידער דער גאַנצער בית־המיקדש
איז אין אים אַריַין
גרויס, גלאַנצנדיק,
פֿול מיט מורא
און פּלאַם.

יבנה איז ניט געווען.
יבנה האָט מען געמוזט אויסטראַכטן.
מ׳האָט יבנה געמוזט פֿירן ביַי דער האַנט,
ווי אַ קינד,
איַינוויקלען עס אין ליבשאַפֿט,
אָפּווישן די טרערן פֿון זיַין באַק,
אַראָפּבייגן זיך צו אים
און הערן:
ער פֿאַרפֿולט זיך ווידער מיט הימלען.
וואַקסט.

*

ווײַס געוואָרענע פֿאַר דער צײַט,
מיט יבנה אין האַרצן,
מיט קרוינען אַראָפּגענידערטע
ביז צו דער ערד —
האָט מען ווידער דערפֿילט דעם אָטעם פֿון וואָרצלען.
אויסגעליידיקט פֿון אַלץ וואָס האָט אַ מאָל
וואָרצלען פֿאַרשטעלט —
האָט מען ווידער דערהערט אין זיך
טראָפּנס פֿון טוי,
האָט מען ווידער געקלעטערט אַרויף
צו אַן אָנהייב פֿון זון,
איז מען ווידער געשטאַנען פּנים־אל־פּנים
מיט זיך.

*

איז מען געגאַנגען קיין יבנה.
מ'האָט יבנה דערהויבן צו „הגבה" און „גלילה".
טרערן מער ניט געווען —
האָט מען אָנגעהויבן צו זען די וועלט
דורך יבנה.

איז מען געגאַנגען קיין יבנה.
מ'האָט מיט יבנה די ווונדן פֿאַרדעקט.
ווי אונטער אַ טלית
האָט מען ווידער געפֿילט זיך
נידעריק, גאַנץ,
אין יבנה.

און בערד האָט מען אויסגעשפּרייט
אויף טישן. בערד

זײַדענע, װײַסע. מ׳האָט געשריבן
אויף זיי,
מ׳האָט געשריבן אין זיי
דעם סוד פֿון יבנה.

*

פֿאַרמעט איז געװאָרן דער הימל.
שטערן — געװאָרן די עדות
װאָס מ׳האָט צונויפֿגערופֿן יעדע נאַכט.
מ׳האָט אין זיי דערקענט די טויטע און זיי ליב געקראָגן.
קלײנע שטערן האָבן געפֿינטלט און צוגעװוּנקען,
גרויסע שטערן האָבן טיפֿער אַראָפּגעקוקט אין האַרץ.
בלאָע װענט װאָס מ׳האָט פֿריִער ניט געקענט,
האָבן זיך צונויפֿגערוקט און געװאָרן אַ היים
פֿאַר די טויטע און שטערן.
מ׳איז געװען נאָענט צו זיי.
מ׳האָט זיך אין זיי אײַנגעװיקלט.
מ׳האָט צו זיי אויסגעשטרעקט
אַלטע הענט.

די קייט

לזכר פינקי און יאיר מרנין הי״ד

א

ווערטער
קומען זיך מער ניט צונויף
אין אַ תּפילה,
וואַרעמען מער ניט קיין ליפּן

זענען געוואָרן בלויז כליפּן
זענען געוואָרן
בלויז אַש.

ב

פון די אַנדן זענען זיי געקומען
ברענגען אַ קרבן:
צוויי זין
אין איין מלחמה.
אַלטע טאַטע־מאַמע
געוואָרענע מיט אַ מאָל שטיין.
אַלטע טאַטע־מאַמע
אַריינגעוואָקסענע מיט צוויי זין
פּלוצעם
אין דער ערד.

ג

טראָג אויס שטיינער.
די הימלען וועסטו שוין ניט קאָנען מער אויסטראָגן.
אויך ניט די שטערן וואָס וואַקסן אין זיי.
אויך ניט די גראָזן וואָס זיי באַפרוכפּערן.

צוגעבונדן צו אַ שטיין
לאָז ווייטיק אויספּיקן
דיינע געזאַנגען:
פּיק־פּיק
בלומען.
פּיק־פּיק
ליבשאַפט,
וואָס מערט זיך פון זיך אַליין.
צוגעבונדן צו אַ שטיין
טראָג אויס שטיינער,
צעוואַרף זיי איבער דער וועלט.

ד
מיר וועלן גוט זיין
טויטע קינדער האָבן מיר אין זיך אריינגענומען.
מיר וועלן גוט זיין —
קיין טראָפן בלוט איז מער אין זיי ניט געווען.
מיר וועלן גוט זיין —
זייערע פאַרמאַכטע אויגן האָבן אין אונדז
אויסגעברענט לעכער.

און מאַמעס זענען אַרומגעלאָפן מיט צעפלאָשעטע האָר.
און טאַטעס האָבן געקלאַפט יעדע נאַכט אין אונדזערע לאָדנס.
אונדזערע האָר זענען געוואָרן ווייס
ווי די האָר פון די טאַטעס און מאַמעס.
מיר וועלן גוט זיין.

ה
געשטאַנען איז דער קנופּ אין האַלדז. ניט
מ׳האָט געקאָנט אַראָפּשלינגען. ניט צעוואָיען

דורך אים די אימה וואָס האָט לאַנגע שעהען
אַראָפּגעטריפט אין מוח, צוגעשמידט

דאָס פּנים צו דעם קבר. לאַנגע שעהען
האָט — איבעריק — וועלט אַרום געקניט.
געווען אַ קלאַפּ פון רידלען, מידער כליפּ
פון מעמקים אויסגעהוילטע, פון ניט־דאָען
וואָס עמעץ האָט פאַרשעמט אַרײַנגעטרערט
אין רעדל מענטשן.

דערנאָך איז מען געגאַנגען אַלט. מ׳האָט בלויז געהערט
דאָס כליפּן פון די ביימער. יעדער טראָט —
געווען דער לעצטער. און געווען אַ גאָט
וואָס האָט געשוויגן.
און געווען די שווײַגנדיקע ערד.

ו
כ׳קלײַב אויף רעמלער שוואַרצע —
טו זיך אין זיי אָן.
כ׳קלײַב אויף טרערן —
טו זיך אין זיי אָן.

קניען טו איך ווי די מאַמעס
מיטן קאָפּ צו שטיינער,
ווער אַ שטיין,
ווער דער וואָרעם וואָס פּיקט אויף
די זון, די גראָזן,
די חלומות,
זיך אַליין.

ז

אַרויסגעריסענע פֿון אונדז —
מיט אַ מאָל זענען מיר אַלע געוואָרן
אייערע טאַטעס און מאַמעס.
מיט אַ מאָל זענען מיר אַלע
פֿאַריתומט געוואָרן נאָך אײַך.
מיט אַ מאָל שטייען מיר אַלע, אַלטע, אין פֿעלד,
דזשיאַמושען אַש מיטן מויל,
גראָבן ערד מיטן האַרץ,
פּרוּוון אָנצינדן ערגעץ,
מידע, אַ זון — צו דערוואַרעמען אײַך.
צו דערוואַרעמען זיך.

ח

אין שאָטן פֿון שטיין.
שטיינער אויסגעוואַרעמטע
וועלן ווידער מוזן ווערן
אונדזער צוקאָפּנס.
מיט דראָבנע טריט
וועלן מיר ווידער מוזן צונויפֿנייען
גראָז מיט גראָז
ווונד מיט ווונד
כּדי צו וויסן — אַז גאַנץ.
און שטערן וועלן מיר מוזן אַרויסקלאַפּן, ווידער,
פֿון אייגענעם דלות.
און טרערן וועלן מיר מוזן קאָנען
דערהייבן — ווידער — צו אַן אָנהייב
פֿרייד.

ט

דאָס בוך פון די נעמען —
דאָס נײַע מ ע מ אָ ר ־ בוך,
צולייגן צו די אַלטע, פאַרגעלטע
מ ע מ אָ ר ־ ביכער,
די מיט ניגון און טרער.
מיט ניגון און טרער אויך פאַרוויגן
דאָס נײַע בוך פון די נעמען.
שטיין מיטן נײַעם בוך פון די נעמען
אין מיטן אַ וועלט,
וואָס האָט קיין מאָל ניט געזען
קיין מ ע מ אָ ר ־ ביכער.
האַלטן דאָס נײַע בוך
פון די נעמען,
פילן:
די קייט.

י

נאָך אַלעמען —
וועט מוזן אַרויסשפּראָצן זון פון דער ערד.
נאָך אַלעמען —
וועט מוזן גראָז דערהעלן אַפילו די הימלען.
נאָך אַלעמען —
וועט עמעץ די קברים
ניט לאָזן ליגן שטענדיק אין שוואַרץ.
וועט מען זיך אויסלערנען טראָגן
געפאַלענע שטערן אין אויג,
אין איינעם מיט זון און מיט ערד,
אין איינעם מיט גראָז
וואָס זײַן וואָרצל —
איז טרער.

חוני המעגל

א

איבערקוקן פּאַפּירן,
זוכן לײדער האַלב־אָפּגעמעקטע,
זוכן ווערטער וואָס האָבן אַ מאָל ווײ געטאָן,
אַ מאָל דערפרײט;
פּרוּוון אַרײַנגײן צוריק —
דורך שטויבן פון יאָרן —
אין דער צעוויגטקײט פון עפּעס אַ קלאַנג,
וואָס צינדט אָן דעם זכרון,
צעפּראַלט פענצטער מיט זון.
גײן אין סטעזשקעס פון זון
וואָס זענען איצט בלײכע און ווײַטע
און טוען ניט ווײ מער; זענען אָסיענדיק
קאַלט. אויסגעברענטע ווערטער ווי אַש.
אויסגעגאַנגענע ווערטער, ווי קנײטשן
אויף אַ פּנים וואָס איז אַ מאָל
ליכטיק געווען,
אויף וועלכן דו האָסט אַ מאָל,
פאַרכטיק,
פאַרשריבן דײַן ליד.

ב

מײַן קלײנער רבי
וואָס האָט יעדן טאָג אויסגעקערט
מיט זײַן באָרד די גמרא —
כּדי מיר צו מאַכן אַ פּלאַץ
אויף דער וועלט.

מײַן קלײנער רבי
װאָס האָט פֿאַר מיר אױסגעדליבעט
שטערן,
מעשׂהלעך,
כּדי מײַן װעלט שענער צו מאַכן.

און האָט גראָז אין דער װעלט אַרײַנגעפֿלאָכטן,
האָט זײַן האַרץ אין דער װעלט אַרײַנגעפֿלאָכטן —
נאָר ניט געװוּסט,
אַז קײן פּלאַץ אױף דער װעלט
איז פֿאַר מיר ניטאָ;
אַז קײן פּלאַץ אױף דער װעלט
איז פֿאַר א י ם ניטאָ.

ג
מיט קלײנע טריט קומען מיר צו דיר
חוני־המעגל.
מיר זענען די קינדער
װאָס האָבן דײַן קרײַז
אַריבערגעהיפּערט.
פֿון י ע נ ע ר זײַט קומען מיר,
נאָך דעם װי די זון
האָט אָפּגעמעקט אונדזער פּנים
און מיר זענען געװאָרן געגליכן
צו שטױב.

װײַס געװאָרן זענען מיר
און קאַלט — פֿון אינעװײניק.
אָן מעשׂהלעך פֿון דיר
און פֿון דײַן קרײַז

איז די וועלט געוואָרן אָנגעדראָלן
מיט פּחד.

אָפּלאָדן די וועלט!
צוריקקומען צו דיר —
חוני־המעגל!
שפּלע,
מיט קליינע טריט.

ד
פאַרמאַכטע שליוזן פון דער ערד.
פאַרמאַכטע טויערן פון הימל.
תּפילות קאָנען מער ניט וואַקסן מיטן גראָז;
שטערן קאָנען מער ניט אַראָפּפאַלן אין האַרץ.
און דאָס קאַראָמיסל,
דאָס אויסגעצויגענע איבער די אַקסל,
איינגעבראָכן...

ה
און אָט אַזוי לעבן מיר:
זעען די ביימלעך וואָס העכער,
זעען די הימלען וואָס נידעריקער.
זעען זיך אויך שפּאַנען — נידעריק —
טראָט ביי טראָט,
האַלטן זיך פאַר די הענט,
צונויפרופן זכרונות,
שעמען זיך: אַ גאַנצע וועלט
קוקט אויף אונדז אַראָפּ —
נאָר מער גאַרניט
אין אונדז
ניטאָ...

ו

חוני־המעגל —
ווען מ׳האָט דיך אַרויסגעריסן פון דײַן קרײַז,
און דו אַליין — אַלט,
און קיין נײַע קרײַזן
מער פאַר דיר ניט געווען —

חוני־המעגל —
ווען דער מאָך
אין וועלכן דו האָסט זיך געהאַט אַרײַנגעשפּינט,
האָט דיך מער ניט געלאָזט זען די וועלט,
וואָס איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן,
פרעמד,
פאַר דײַנע אויגן.

ווי אַ פלעדערמויז
האָסטו אַרומגעטאַפּט,
געקלעטערט אין דער לופטן
און געפאַלן — איבער זיך אַליין.

האָסט געפּרוּווט שרײַען:
„איך בין חוני־המעגל״ —
נאָר דײַן קול איז געווען
פאַרחתמעט מיט ערד.

האָסט געוואָלט
ווידער זיך אומקערן
צו דײַן מעשׂהלע —
נאָר אַפילו דאָס מעשׂהלע
איז שוין אויך געווען פאַר דיר פרעמד.

ז

חוני־המעגל,
הוי! חוני־המעגל —
ווען דײַן קרײַז
איז נאָר געווען גאַנץ
און די וועלט
האָט ניט געקאָנט צו דיר
אַרײַנדרינגען.

ווי אַ בוים ביסטו געשטאַנען — אינעווייניק —
און געפילט
ווי די וואָרצלען דײַנע
ווערן אַלץ טיפער.
האָסט אויסגעשטרעקט די אָרעמס
צום הימל —
איז געפאַלן אַ רעגן;
האָסט אין זיך אַרײַנגעקוקט —
האָסטו געפונען די זון.

מיט וואָרצלען ביסטו געווען.
מיט בלעטער ביסטו געווען.
ביסט געווען מיט אַלע פייגל
וואָס זענען געוואַקסן
פון דײַן האַרץ.

ח

ער האָט מער גאָרנישט ניט געוואָלט.
ער האָט אויסגעטאָן די שיך.
דאָס אַש פון די האָר
האָט ער געלאָזט אַראָפּרינען טיף אין די אויגן:
דאָס אַלץ וואָס ער וועט דאַרפן איצט זען —

ווּעט ער זען פון אינעווייניק;
אַלץ וואָס ער ווּעט דאַרפן האָבן —
ווּעט ער איצט האָבן אינעווייניק.
מיט אַלטע, ציטערדיקע פינגער
האָט ער אויפגעריסן דאָס האַרץ:

זײַן האַרץ איז געווען גענוג גרויס
אויף צו קאָנען אַרומנעמען
דאָס גאַנצע לאַנד.

ט

כ׳גיב דיר אָפּ די קרוינען — לאַנד.
דו גיב מיר צוריק די שטערן,
גיב מיר צוריק מײַן פּיצל גרינע ערד.
זײַ דו דאָס פּיצל גרינע ערד,
וואָס מ׳קאָן ווידער אַרומנעמען,
ווידער צודריקן צום האַרץ.

פון צו פיל רײַטוועגן —
האָב איך פאַרגעסן דאָס ליד
וואָס איז אין דיר געווען.
צי איז דאָס ליד נאָך דאָ?

פון צו פיל דרייען־זיך אין אַ געפּלאַצטן קרײַז
האָב איך פאַרלאָרן דײַן פּנים
האָב איך פאַרלאָרן מײַן פּנים.

צי איז דײַן ליד נאָך דאָ?

י

יעדער טאָג ברענגט מיר אַלץ נענטער צו מײַן טאַטן.
אויך אַזאַ קליינער חוני־המעגל געווען
אַ פּאַרטיפּטער אין שווײַגן.
זײַן קרײַז איז געווען דער קרײַז
פון גראָז,
פון סטעזשקע און קלויז;
אין זײַן קרײַז האָט ער געקאָנט אַרײַננעמען
שטערן און מעשׂהלעך.
שטענדיק ווען ער פלעגט ווערן מיד
פלעגט ער זיך איבערדעקן מיט אַ זאַק
פון בטחון,
כּדי נישט צו זען די לעבער
וואָס וואַקסן — אַלץ מער —
אין זײַן האַרץ.

צווישן גרענעצן

פאַר יהודיתקע און צבי

א

צווישן ייִדישע גרענעצן דאַרף מען ניט מורא האָבן:
זיי זענען פון גראָז און פון גאָלד און פון וואַלד;
די בלעטער זייערע וואָרקען ייִדיש.
ווערטער הענגען פון זיי אַראָפּ ווי שפּיל־פייגל.
צווישן ייִדישע גרענעצן קאָן מען געפינען
די ראָזשינקעס און מאַנדלען, דאָס ציגעלע,
און אויך די ברוין־הויטיקע מלכּא־שבא מיטן נאָמען
פ אַ נ אַ ג אַ ל י אַ.

צווישן ייִדישע גרענעצן
קאָן מען אַרומגיין פראַנק און פריַי,
מיט אַ בלימל אין מויל;
אָנגעטאָן אין אַ טרעל
אָנגעטאָן אין אַ פלאַטערל.
עפּעס דאַרף מען ניט גאָרניט
נאָר לאָזן אָנוואַקסן אויף זיך
אַ בלאָ רעקל
אַ נייַעם הימל;
עפּעס דאַרף מען ניט גאָרניט
נאָר שטיין צווישן גרענעצן,
וואַקסן מיט ווערטער,
ספּיפּטשען:
פ י ע ר אָ!

ב

כ׳בוי אויף בריקן,
נענטער צו ברענגען די וועלט.

נאָך דעם וואָס די הילצערנע — ניט געוואָרן;
נאָך דעם וואָס די אײַזערנע, גילדענע —
אַרײַנגעפֿאַלן אין תּהום;
נאָך דעם וואָס אַפּילו דער רעגן־בויגן
האָט ניט באַוויזן אויפֿצוהאַלטן
דעם מבול —

בוי איך אויף בריקן פּאַרכטיקע,
בריקן פּאַפּירענע.
אויף זיי וועט זיך ניט האַלטן קיין זשאַוווער.
זיי וועט מען ווידער קאָנען דורכלײַכטן
מיט לבנה און גראָז.

און ליבשאַפֿט וועט מען קאָנען אויסשפּרייטן אויף זיי;
זיך אַליין קאָנען אויסשטרעקן אויף זיי;
ליגן נאַזנדיק,
חלומען,
זען אַריבערגיין אויף זיי
קינד און קייט.

ג
דורך אַלע לידער מײַנע
די אַלטמאָדישע,
די צוגעדעקטע מיט אַ גראָען מאָך,
גייט נאָך אַלץ דורך
זומער, ווינטער,
באָרוועס, צי רײַטנדיק אויף אַ שטראַל פֿון לבנה
די „סטעזשקע״.

געירשנט האָב איך זי
פֿון קאַרליקלעך שואבי־מים

וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך
קאַראַמיסלעך טוי
פאַר אַ וועלט.

צוגעשפּיליעט צו מיר
איז זי שטענדיק מיר פאָרויס געלאָפן,
לויפט נאָך אַלץ פאָרויס
מיר צו ווײַזן
אַ שוועל.

שטענדיק ווען כ׳האָב געוואָלט
האָב איך געהאַט;
ווען כ׳וויל — האָב איך זי נאָך אַלץ
אַ פולע מיט שטערן.

זי איז געווען;
זי איז אַלץ נאָך גענוג שטאַרק
צוצודריקן צו זיך דאָס האַרץ פון דער ערד.

אויף איר וועט נאָך זיכער קומען משיח.

אינהאַלט

אין קרייַז

דער ליפּעבוים	7
איילבערטביימער	8
דער עפּלבוים, א—ב	9
קינדהייט	11
גאָט פון אברהם	13
אין קרייַז, א—ו	15
נגבֿ, א—ב	19
סאַמום	20
אין עבֿודה	21
אין מידבר, א—ב	23
טרייסט	24
צו די דאָרפישע ברידער	25
ערד	26
דימענט, א—ו	27
טרעפונג	29
שויבן, א—ז	30
שיכּרות, א—ג	34
באַגעגעניש, א—ד	36
די קאַוועגע	39
שלווה, א—ה	40
אין מידבר פּאָרן, א—ה	43
ערשטער פּאַרזיי, א—ב	46
אויפגאַנג	47
צו אַ נײַ דאָרף	48

פלאָים

איך קלייַב נאָך אַלץ	51
פון ס׳נײַ	52
דער קאַלענדאַר	53
קינדער, א—ח	54
ר׳ פּײַוויש	58
צום מענטש אויף דער לבֿנה	59

ייִדישע ווערטער 60
אויף דער עלטער, א—ב 61
מעשה גישאַן, א—ג 62

פחדים

זכרונות 69
* (געוועז איינער) 70
* (כ׳טראַכט וועגן גאָט) 71
אינדיאַנער זומער 72
* (די וועלט זאָל ניט אײַנפאַלן) 73
פחד 74
שטיינער 75
שורות 76
שטורעם 77

אײַז

דער מכשף 81
צוריק 82
ליר 83
פּאַפּיר, א—ג 84
צוויי בילדער, א—ב 86
צו די איבערגעצײַטיקטע 87
בריוו, א—ג 88
אין שלײַפן דעם דימענט 90

צײַט אין שוואַרצאַפּל

אין בית־אל 93
אין חברון, א—ג 94
תל־פול 96
קטורה 97
עי, א—ה 98
קיין שומרון, א—ב 100
קיין עפרה 102
חמרה 103
בית־שאן 104
שאול המלך, א—ב 105

יפו, א—ב 107
אין עכו, א—ה 109
שטיינער 113
סעבאַסטיאַ, א—ה 114

אין לאַנד פון אליהו הנביא

יום כיפור 1973 119
ערגעץ ווו 120
קוהלת, א—ט 121
אַן לבנה 125
טרערן 126

אין לאַנד פון אליהו הנביא

א. צו זיך 123
ב. יבנה 125

די קייט, א—י 133
חוני המעגל, א—י 138
צווישן גרענעצן, א—ג 145

ביכער פון זעלבן מחבר

הגדה של פסח, לידער, (העקטאָגראַפירט), רוים, 1946

אין הינערפלעט, (טאָרף־לידער), רוים, 1946

אין שאָטן פון מולד, לידער, פאַרלאַג „די גאָלדענע פאַווע״, פאַריז, 1954

ווײַסע טויערן, לידער, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב, 1964

שמייכלען פון ארץ הקודש, לידער, פאַרלאַג „המנורה״, תּל־אָביב, 1969

רעגן־בויגן צוקאָפּנס, לידער, פאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, תּל־אָביב, 1973